בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## אחרי תשי"ט

בענין הכנה לקראת יום הכיפורים
ובגודל חשיבת הכנה והזמנה לדבר שבקדושה

• למשה הותר לבוא בכל עת אֶל הַקֹּדֶשׁ, ודינו של אהרן • הִלְבִּין היו שְׂמֵחִים, לֹא הִלְבִּין היו עֲצֵבִין • יום הכיפורים מְכַפֵּר עונות ומציל מעונש, אבל נקיון "כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ" תלוי בעבודת האדם שבכל השנה • כל "ערב שבת" הוא מעין בחינת "יום הכיפורים" • אכילת ערב יום כיפור • בזה שמתגבר על ההשתוקקות בכל השנה, בְּזֹאת הזכות יָבֹא אֶל הַקֹּדֶשׁ ביום כיפור • וכן בזכות נַטְרוּנָא יזכו להגאולה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**
**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 100**

---

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 3333419-72-972+)

צו הערן די תורה **אחרי תשי״ט**

דרוקט: **#→619→3→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

**קלאָר** (24 מינוט)

★★★☆☆

---

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **יקותיאל ראזנער** הי״ו לרגל שמחת נישואי בנו החתן **משה מנחם** נ״י

עב״ג בת הר״ר **אייזיק פריעדמאן** הי״ו

זכות לימוד התורה דרבים וזכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם, שהזיווג יעלה יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרבני החסיד איש מורם מעם, הדריך צאצאיו בתורה וחסידות על דרך המסורה, הי׳ דבוק בצדיקים והשקה מתורתם

מוה״ר **אליעזר** בן מוה״ר **מנחם** ז״ל **וואלדמאן**

תלמיד ותיק מרביה״ק זי״ע בעיר קראלי ובעיר סאטמאר

נפטר ביום א׳ דראש חודש אייר תשל״ח

•

לעילוי נשמת האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשיה הטובים

מרת **רחל** בת הר״ר **יוסף שאול** ז״ל **ווערצבערגער**

נפטרה כ״ד ניסן תשע״ח לפ״ק

אשת יבלחט״א הרבני החסיד מוה״ר **צבי אלימלך ווערצבערגער** שליט״א - ראה״ק דקהל ויואל משה דסאטמאר מאנסי

•

לעילוי נשמת

הרה״ק רבי **ישעי׳** ב״ר **משה** זצ״ל **מקערעסטיר**

יומא דהילולא ג׳ אייר

•

**תנצב״ה**

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת אחרי

א

[וַיְדַבֵּר[א] ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ. וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ] וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ וגו', בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ [בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה].

**קושיא א**

יש להבין השינוי, דמתחיל וְאַל יָבֹא "בְכָל עֵת" אֶל הַקֹּדֶשׁ, מענין זמן ביאתו,
ומסיים "בְּזֹאת" יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, מענין "במה" יבוא, ולמה לא סיים במה דפתח מענין זמן ביאתו

איך האָב שוין געשמועסט פון דעם[ב], ער הייבט אָן וְאַל יָבֹא "בְכָל עֵת" אֶל הַקֹּדֶשׁ, ער זאָל נישט קומען צו "יעדע צייט", און [ער] פירט אויס "בְּזֹאת" [יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ], שמועסט ער גאָרנישט פון "די צייט" ["ווען" ער זאָל יאָ קומען], נאָר "מיט וואָס" ער זאָל קומען, בְּפַר בֶּן בָּקָר [לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה]. (ראה גם להלן אות ג)

ב

**קושיא ב**

ובכלל יש להבין דלכאורה ההקדמה של "בְּזֹאת" יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ הוא מיותר,
דהיה סגי לומר ואל יבא בכל עת וגו' 'כי אם' בפר בן בקר וגו'

ב) בכלל איז דאָך איבעריג דער [הקדמה של] בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, [דהיה סגי לומר] וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ [כי אם] בְּפַר בֶּן בָּקָר, 'נאָר' בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת.

קודם זאָגט ער "בְּזֹאת" [יָבֹא אַהֲרֹן], און ער זאָגט נישט וואָס, און דערנאָך הייבט ער אָן [בְּפַר בֶּן בָּקָר] זאָגט ער אַרויס 'מיט וואָס'.

וואָס דאַרף מען די הקדמה פון "בְּזֹאת".

ג

**סיום קושיא א**

איבערהויפּט דאָס איז דאָך גאָרנישט [מעין ההתחלה], געוויינטליך אַז ער הייבט אָן צו זאָגן [וְאַל יָבֹא "בְכָל עֵת"] "נישט צו יעדע צייט", דאַרף ער זאָגן [לסיים דבריו] אַז אין "דער צייט" [בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ]. ער הייבט אָן מיט "די צייט", און לאָזט אויס "מיט וואָס", בְּפַר בֶּן בָּקָר, ער איז גאָרנישט מזכיר דעם "זמן", ער איז גאָרנישט מזכיר די "צייט", [ורק כשבא לסוף הענין (בפסוק כט-לא) הודיע הזמן באומרו וְהָיְתָה לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ תְּעַנּוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם וגו' כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וגו' וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם].

ד

**קושיא ג**

**בישמח משה מביא מדרש פליאה:**

וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו', זה שאמר הכתוב וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב. וצריך ביאור

ג) ווייטער שטייט [בסוף הענין (בפסוק לא)], ביי די פרשה פון [הודעת זמן ביאתו אל הקודש שהוא] יום כיפור, וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם.

---

[א] על הריקארדינג חסר קצת בתחלתו.

[ב] בסעודת ליל ש"ק, נדפס בחידושי תורה תשי"ז (עמוד תרלו).

KolSatmar.com

אין ישמח משה פרשת בראשית[ג], ברענגט ער אַ מדרש פליאה, וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי עֹשֶׂה פְּרִי [לְמִינוֹ] (בראשית א, יא), זה שאמר הכתוב (אמור כג, לב) וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ [בָּעֶרֶב].

ס'איז אַ פלא וואו דאָס קומט אַהער [הפסוק תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, לענין עינוי יום הכיפורים].

ה

דער טאַטע זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב (פרשת בראשית) ברענגט אויך דעם מדרש, ער זאָגט פשט. איך וועל שפּעטער - ווייטער (באות כט) - נאָכזאָגן וואָס דער טאַטע זכרונו לברכה טייטשט אויף דעם.

ו

קושיא ד - ה

בקדושת יום טוב מביא עוד מדרש פליאה:

בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, נזדעזעו שמים וארץ, מיד העמיד רגלי יוסף כנגדן.

וצריך ביאור: ד] למה נזדעזעו באמירת תדשא הארץ דשא. ה] ולמה שקטו כשהעמיד רגלי יוסף כנגדן

[נאָר] ער ברענגט נאָך אַ מדרש פליאה (בקדושת יו"ט שם), נאָך אַ גרעסערע פליאה, אויף דעם פסוק תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא. בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, נזדעזעו שמים וארץ, מיד העמיד רגלי יוסף כנגדן.

ז

איז גאָר אַ פלא.

ד) וואָס איז נזדעזעו שמים וארץ. [למה נזדעזעו בשעה שנאמר תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא].

ה) און דער העמיד רגלי יוסף. [למה כשהעמיד רגלי יוסף כנגדן נחו ושקטו מהזדעזעותם].

ח

הקדמה לקושיא ו

כל פרשת יום הכיפורים דפרשת אחרי מות, נאמרה בראש חודש ניסן ביום שמיני למילואים כשהוקם המשכן

לאָמיר זען. די פרשה, אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן, דאָס איז דאָך געווען [שנאמרה ביום] ראש חודש ניסן [בשנה שניה כשהוקם המשכן], ס'איז געווען יום שמיני למילואים. ער ברענגט די מעשה פון נדב ואביהוא [בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ, דאָס] איז דאָך געווען אַמאָל אין ראש חודש ניסן [ביום שמיני למילואים, כמבואר בקרא בפרשת שמיני][ד].

ט

והגם שיש מאן דאמר דיום שמיני למילואים היה בח' ניסן, אבל בסדר עולם ובגמרא נקטו דהיה בר"ח ניסן

ס'איז דאָ אַ מאן דאמר - [כמובא] אין רדב"ז[ה] - אַז דאָס איז געווען ח' ניסן דער "יום שמיני למילואים", אַז אין ראש חודש האָט זיך 'אָנגעהויבן' די שבעת ימי המילואים, איז עס געווען [יום השמיני] 'אַכט טאָג' אין ניסן.

---

[ג] בישמח משה שם (ד"ה ויאמר אלקים תדשא) וז"ל: בספר נחלת עזריאל הביא מדרש אחד וזה תארו, וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע ועֵץ עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ, הה"ד וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב, עכ"ל. (וכן הוא בזוהר הקדוש פרשת תרומה בספרא דצניעותא דף קע"ז ע"א עיין שם), והוא פליאה, עכ"ל הישמח משה. - [וההגה שבמוסגר שמציין מקורו מהזוהר, הוא כנראה מהוספת הייטב לב בשעת סידור הספר לדפוס].

[ד] וכמבואר בגמרא גיטין (ס.): אמר רבי לוי שמונה פרשיות נאמרו ביום שהוקם בו המשכן, אלו הן, פרשת כהנים (ריש פ' אמור), ופרשת לוים (קח את הלוים, בפ' בהעלותך), ופרשת טמאים (לרש"י היינו ענין פסח שני בפ' בהעלתך, ולתוס' היינו אזהרת טומאת תרומה וקדשים בפ' אמור), ופרשת שילוח טמאים (בפ' נשא), ופרשת אחרי מות, ופרשת שתויי יין (בפ' שמיני), ופרשת נרות (בסוף פ' אמור), ופרשת פרה אדומה (בפ' חקת).

[ה] הרדב"ז (סימן שני אלפים רכב) מפרש כן בשיטת רבי עקיבא בגמרא סוכה דף כה: ובספרי פ' בהעלתך. ועיין באבן עזרא פרשת פקודי (מ, ב) שהביא גם כן פלוגתא בזה, וע"ע באבן עזרא ריש פרשת שמיני.

KolSatmar.com

אָבער די ברייתא אין **סדר עולם** (פרק ז) ברענגט דאָך די **גמרא אין שבת** (פז:), זעט אויס אַלעס, ער גייט מיט דער שיטה אַז **ראש חודש איז געווען יום שמיני**, די [שבעת ימי המילואים האָבן זיך אָנגעהויבן [בכ"ג אדר] זיבן טאָג פאַר ראש חודש, און **ראש חודש ניסן** איז געווען דער **יום שמיני למילואים**, און 'דעמאָלטס' איז געווען די מעשה מיט **נדב ואביהוא**, [ועל זה נאמר כאן] אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן, [כי] דעמאָלטס [בו ביום] האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט די פרשה פון יום כיפור, אום ר"ח ניסן.

**י**

**קושיא ו - קושית הפני יהושע**

בגמרא למדו דשואלין ודורשין שלושים יום קודם הפסח, ממה שמשה עמד בפסח ראשון והזהיר על פסח שני, ולרשב"ג שואלין ודורשין שתי שבתות שכן משה עמד בר"ח ניסן והזהיר על הקרבת הפסח

[והנה] **די גמרא זאָגט**[ו] (פסחים ו:) **שואלין ודורשין בהלכות הפסח "שלשים יום" קודם הפסח, שהרי היה משה עומד בפסח ראשון ומזהיר על פסח שני.**

[ואתיא סוגיא זו] **לויט ווי די גמרא** [זאָגט בסוכה, לויט] **דער מאן דאמר - לויט ר' יצחק'ן**[ז] - אַז די שאלה [לָמָּה נִגָּרַע, שבפרשת] וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, איז געווען אום "ערב פסח"[ח].

**רבי שמעון בן גמליאל** זאָגט [דשואלין ודורשין] **שתי שבתות**, [ווייל] פון ראש חודש ניסן [במצרים] האָט ער עומד געווען און ער האָט מזהיר געווען אויף פסח הראשון.

**יא**

וקשה להתנא קמא שלמד דשואלין ודורשין ל' יום ממה שהזהיר משה בפסח ראשון על פסח שני, אם כן למה לא למד יותר, דממה ששהזהיר בראש חודש ניסן על יום הכיפורים מוכח דשואלין ודורשין יותר מן ששה חדשים

**ו) דער פני יהושע, ער פרעגט דאָ אָט** (בפסחים שם), **לכאורה איז אַ קושיא פליאה.**

- מילא איך שמועס נישט פון דעם [מה שמפלפל עוד הפני יהושע, בענין מה שבדברי] **רש"י און תוספות**[ט] איז דאָ אַ מבוכה, רש"י זאָגט דאָך אַז די פרשה [וַיְהִי אֲנָשִׁים וגו' של אזהרת פסח שני] איז געזאָגט געוואָרן אין ראש חודש [ניסן] טאַקע, [ולפי זה] איז דאָך עס "זעקס וואָכן" [קודם לפסח שני]. ס'איז אַ פלוגתא תוספות מיט רש"י, איך וועל נישט דאָ מאריך זיין מיט קיין פלפול'[י]. -

---

[ו] **בגמרא פסחים** (דף ו.): תניא שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלשים יום, רבן שמעון בן גמליאל אומר שתי שבתות. מאי טעמא דתנא קמא, שהרי משה עומד בפסח ראשון ומזהיר על הפסח שני, שנאמר (בהעלותך ט, ב) וְיַעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַפָּסַח בְּמוֹעֲדוֹ, וכתיב (שם, ו) וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם. ורבן שמעון בן גמליאל אמר לך, איידי דאיירי במילי דפסחא מסיק להו לכל מילי דפסחא. מאי טעמא דרשב"ג, שהרי משה עומד בראש החדש ומזהיר על הפסח, שנאמר (בא יב, ב) הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, וכתיב (שם, ג) דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה וגו'. (ועיי"ש במסקנא דרשב"ג יליף מעוד קרא).

[ז] **בגמרא סוכה** (דף כה): דתניא, וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם וגו' (בהעלותך ט, ו), אותם אנשים מי היו, נושאי ארונו של יוסף היו, דברי רבי יוסי הגלילי. רבי עקיבא אומר, מישאל ואלצפן היו, שהיו עוסקין בנדב ואביהוא. **רבי יצחק** אומר, אם נושאי ארונו של יוסף היו, כבר היו יכולין ליטהר, אם מישאל ואלצפן היו, יכולין היו ליטהר, אלא עוסקין במת מצוה היו שחל שביעי שלהן להיות בערב פסח, שנאמר (שם) וְלֹא יָכְלוּ לַעֲשֹׂת הַפֶּסַח בַּיּוֹם הַהוּא, ביום ההוא אין יכולין לעשות הא למחר יכולין לעשות.

[ח] משא"כ לשיטת ר' יוסי הגלילי, ושיטת ר' עקיבא (לכמה מפרשים), בגמרא סוכה שם. - וכן לפי הסוגיא דגיטין (המובא לעיל בהערה ד) אליבא דפירש"י שם, נמצא דשאלתם היה ביום שהוקם המשכן (דהיינו בראש חודש ניסן).

[ט] עיין **ברש"י** גיטין (ס.), **ובתוספות** שם, ובפסחים (ו:), וסוכה (כה:), שנחלקו לענין "פרשת טמאים" שנמנה בגמרא גיטין בין השמונה פרשיות שנאמרו בו ביום (עיין לעיל בהערה ד), דרש"י סובר דהוא פרשת פסח שני בפרשת בהעלותך, ולתוספות הוא פרשת אזהרת טומאת תרומה וקדשים שבפרשת אמור.

[י] מלשון רבינו כאן ולהלן אות יב, משמע שבלימוד הסוגיא עם תלמידי הישיבה האריך פעם בזה בדברי פלפול. (אבל כעת לא מצאנו זה בספרי רבינו הנדפסים).

KolSatmar.com

נאָר דער **פני יהושע** פרעגט[א], אַז איך דרינג מיר אויף [להתנא קמא], פון דעם אַז ער איז געשטאַנען בפסח ראשון און ער האָט מזהיר געווען אויף פסח שני, איז געדרינגען אַז שואלין ודורשין ל' יום, נו וויאַזוי האָט ער מזהיר געווען אויף יום כיפור [בראש חודש ניסן שבו ביום נאמרה פרשת אחרי מות, ואם כן] איז דאָך געדרינגען נאָך מער [ווי שלשים יום], איז דאָך געדרינגען גאָר מער ווי זעקס "חדשים", וואָרן ער האָט דאָך מזהיר געווען דאָ ביי די מעשה נאָכ'ן מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן, האָט ער מזהיר [געווען] האָט ער געזאָגט די זאַך פון **יום כיפור**.

איי ווען וועסטו וועלן זאָגן, ווייל ער האָט געדאַרפט צו זאָגן דעם "וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת" אֶל הַקֹּדֶשׁ [שזה נוגע מיד בשעת הקמת המשכן, ולכן הזהיר דרך אגב על סדר עבודת יום הכיפורים, לסיים מתי ואיך יבא אהרן אל הקודש, אם כן קשה] דאָרט [בפסח שני] האָט ער דאָך אויך געברויכט צו זאָגן [אל הטמאים רק] **אל תעשו פסח** [בראשון, ורק דרך אגב אמר שבחודש השני יעשו הפסח במועדו, ואם אין ראיה ממה שהזהיר כאן על יום כיפור, אם כן גם שם אין ראיה ממה שהזהיר על פסח שני].

[ווי] **תוספות** זאָגט[ב] [לבאר ראיית התנא קמא, ווייל] ס'איז גענוג געווען ער זאָל זאָגן אל תעשו פסח, ער מוז נישט אַלעס רעכענען.

[ובאמת] **רבי שמעון בן גמליאל** לערנט דאָך טאַקע אַזוי אַז ווייל ער שמועסט פון דעם [ממילי דפיסחא] זאָגט ער שוין די גאַנצע **פרשה** [של ענין הפסח, אף של פסח שני. ולכן סובר שאין ראיה להקדים שלשים יום ממה שבערב פסח ראשון הזהיר על פסח שני].

נו אָבער איך זע דאָך בהכרח [מפרשת אחרי מות] אַז ס'איז אַזוי [כסברת רשב"ג], וואָרן וואָס האָט ער געדאַרפט צו זאָגן [אום] **ניסן פון יום כיפור**, זע איך דאָך אַז די סברא [של רשב"ג] איז אַ [סברא] **מוכרחת**, [אַז] ווייל ער האָט שוין געדאַרפט צו זאָגן דעם וְאַל

---

[א] **בפני יהושע** (פסחים ו:): בתוספות בד"ה שנאמר ויהי אנשים, והא דאמר בהנזקין (גיטין ס.) כו' [שמונה פרשיות נאמרו ביום שהוקם המשכן והיינו בראש חדש ניסן, פרשת טמאים], לא כפירוש הקונטרס כו' [דפירש פרשת טמאים ויהי אנשים, דזו הפרשה נאמרה בערב הפסח] כדמשמע הכא כו', [אלא פרשת טמאים טומאת תרומה וקדשים]. - ובתוספות פרק הנזקין (גיטין שם ד"ה פרשת) ביארו יותר, דלפירוש הקונטרס הו"ל למימר דשואלין ודורשין ששה שבתות, עי"ש שהקשו עוד קושיא אחרת. - ולענ"ד לא ידענא מאי קשיא להו, דילמא הא דקאמר רבי לוי בהנזקין שמנה פרשיות [נאמרו בו ביום], היינו אליבא דרשב"ג [דאמר שתי שבתות], דבלאו הכי משמע דהאי מימרא לאו אליבא דכו"ע מיתוקמא, כמו שכתבו שם התוספות (בגיטין ד"ה ופרשת) מפרשת אחרי מות למ"ד אחרי מופלג.

מיהו למאי דמשמע להו נמי לאוקמא האי מימרא דרבי לוי כחכמים דהכא, נראה לי דאדרבה מהכא סייעתא לשיטת רש"י, דלפירוש התוספות היאך אפשר לאוקמי מילתא דרבי לוי כחכמים [דרשב"ג], דאם כן תקשה היאך ילפו שלשים יום, ותיפוק ליה דאדרבה יותר יש לומר דשואלין ודורשין אפילו מראש השנה, דהא פרשת אחרי מות נאמרה בניסן ומזהיר על עשרה בתשרי. מאי קאמרת, שהוצרך להזהיר לאחר מיתת נדב ואביהוא שלא יבא אהרן אל הקדש בכל עת ולא ימות כדרך שמתו הם, אכתי לא היה צריך לומר אלא אותו פסוק בלבד אל יבא בכל עת אל הקדש, ותו לא. אלא על כרחך דאיידי דקאי בהא מילתא דאל יבא היה צריך לאסוקי לכולה פרשה דיוה"כ שנאמרה בה עינוים הרבה ונפישי מילי, אם כן כ"ש דלא מצי למילף שלשים יום מפרשת פסח שני, דמכיון ששאלו הטמאים והיה צריך לומר להם "אל תעשו פסח" כמו שכתבו התוספות בדיבור הסמוך, ממילא היה צריך לאסוקי לכולה מילתא דפסח שני, ושפיר קאמר רשב"ג [דאיידי דאיירי במילי דפסחא מסיק להו לכל מילי דפסחא].

אלא על כרחך שאם באנו לומר דת"ק אית ליה האי מימרא דרבי לוי, אדרבה לשיטת רש"י יתיישב הכל לנכון, דבלאו הכי קשיא לן אמימרא דרבי לוי מה שָׁאֲלוּ הטמאים למה נגרע, והלא יכולין היו ליטהר כדאיתא בפרק הישן בסוכה (כה:), וכעין זה הקשו תוספות שם בפרק הניזקין (ד"ה פרשת) אדרבי לוי לפירוש הקונטרס. - (ועיי"ש בפני יהושע מה שכתב עוד שם).

[ב] **בתוספות פסחים** (ו:): ומזהיר על פסח שני. אע"ג שעל ידי שאילתו הוזקק לומר להן, מ"מ לא היה צריך להאריך אלא "אל תעשו פסח" ותו לא.

KolSatmar.com

**יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ** [ולסיים] **נאָר בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ** [לכן] **זאָגט ער שוין די גאַנצע פרשה פון יום כיפור. נו איז דאָך די זעלבע זאַך דאָרטן ביי פסח שני אויכעט,** [ואם כן] **וויאַזוי איז געדרינגען** [להתנא קמא] **אַז שואלין ודורשין ל׳ יום וויל ער האָט געזאָגט** [בראשון להזהיר על השני, והלא] **איך קאָן דאָך זאָגן אויף דעם** [אויכעט, שהוא רק] **וויל ער האָט שוין געברויכט צו זאָגן אל תעשו פסח** [בניסן]**, האָט ער שוין אויסגעפירט** [אמנם באייר תעשו]**, איידי דקאי במילי דפיסחא האָט ער אויסגעפירט די גאַנצע** [וכסברת רשב״ג]. **- אַזוי פרעגט דער פני יהושע.**

**יב**

**דער תירוץ** [הפני יהושע] **איז שווער, האַלט נישט אויס. איך האָב עס אַמאָל שוין פאַרענטפערט, ביים ׳לערנען׳** (בלימוד ״סוגיא״ עם תלמידי הישיבה. ועיין לעיל הערה י.) **האָב איך שוין אַמאָל פאַרענטפערט. איך וועל נישט מאריך זיין ׳היצט׳ אין ״פלפול״.**

**יג**

# ישוב הקושיות

**נאָר די וואָך איז מען געקומען צו דער סדרה, ווען איך בין אָנגעקומען** [לסדרה זו] **האָב איך געזען לכאורה איז די קשיא גאָרנישט קשה, דעם פני יהושע׳ס קשיא, מכמה טעמים.**

**יד**

**הקדמה לישוב קושיא ו (אופן א)**

מבואר בתורת כהנים דאזהרת וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת נאמרה רק לאהרן, ואם כן משה רבינו הותר לבא בכל יום אל הקדשי קדשים

**קודם שטייט דאָך דאָ גאָר אַרויס אין מדרש,** [אין] **דברי חכמינו ז״ל, שטייט דאָך אַרויס אין תורת כהנים אין ספרא** (כאן)[ג]**, אהרן בבל יבא, און אויף משה איז נישט געזאָגט געוואָרן קיין בל יבא, ״משה רבינו״ האָט געקאָנט קומען ׳יעדן טאָג׳** [אל קדשי הקדשים, ולא רק ביום הכיפורים]**.**

**טו**

והגר״א מפרש בדברי המדרש רבה, דגם אהרן הותר לבא בכל יום, ובלבד שיבא עם סדר הקרבנות האמורים בפרשה. ואזהרת וְאַל יָבֹא נאמרה רק לבניו של אהרן, ולשאר כהנים גדולים

**אָבער דאָ זעט דאָך אויס** [נאָך מער]**, ס׳איז דאָ** [א שיטה]**, ער דער ווילנער גאון**[ד] **וויל דאָך גאָר זאָגן פשט, אַז אין מדרש**[טו] **זעט אַזוי אויס דעם פשט, אַז ״אהרן אַליין״**

---

[ג] **בתורת כהנים** (אחרי א, ו-ז): [דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאַל יָבֹא וגו׳]. **אָחִיךָ באל יבוא ואין משה בבל יבוא. או אָחִיךָ בבל יבוא ואין הבנים בלא יבוא וכו׳, תלמוד לומר דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן, שאין ת״ל אָחִיךָ ומה ת״ל אחיך, לרבות את הבנים.**

[ד] הובא בשמו בסוף ספר **חכמת אדם** (לבעל חיי אדם מווילנא, בהנהגת חברה קדישא) וז״ל: **שמעתי בשם מחותני הגאון החסיד מהר״א** (מווילנא) **שדקדק מה שאמרו בגמרא הביאו רש״י על פסוק וּבָא אַהֲרֹן, ופירש רש״י כל הפרשה נאמרה על הסדר חוץ מפסוק זה, עיין שם ברש״י. וקשה וכי לא יכולה התורה לסדר הפסוקים כמו שסידרם רש״י, ורמב״ן דחק בזה. - ותירץ הוא ז״ל** (הגר״א) **על פי מדרש רבה** (מובא בהערה דלקמן)**, צער גדול כו׳ וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת כו׳, אמר לו הקב״ה לא עת לשנה ולא לי״ב שנים כו׳, אלא בכל שעה שהוא רוצה ליכנס יכנס, רק שיכנס בסדר הזה, עד כאן. - נשמע מזה שדוקא שאר כהנים גדולים אסורים ליכנס לקודש קדשים אלא ביום הכפורים, אבל אהרן היה מותר ליכנס בכל שעה ושעה, רק שיכנס בסדר העבודה שנאמר בפרשה זו. ולפי זה התורה דקדקה בסדר, שהרי הטעם שאמרו בגמרא דקרא דוּבָא אַהֲרֹן הוא שלא כסדר, דגמירי דחמש טבילות ועשר קדושין לכהן גדול ביום הכפורים, ואי כסדר הכתוב לא משכחת אלא ג׳ (עיין ברש״י), וזה דוקא ביום הכפורים היה הלכה למשה מסיני דצריך ה׳ טבילות, אבל כשירצה אהרן לעבוד בשאר ימות השנה לא גמירי הלכתא, ואם כן באמת אינו אלא ג׳, ועובד כסדר האמור בפרשה, ואם כן הפסוק וּבָא אַהֲרֹן נכתב כסדר משום ״אהרן״ בשאר ימות השנה, עד כאן דברי הגאון, ותורת אמת היתה בפיהו ושפתים ישק. והנה מדרש הזה נעלם מבעל ידי משה סוף פרשת תצוה, דאיתא שם כך, אהרן היה נכנס בכל שעה לבית קדשי קדשים. וכתב שהוא**

האָט אויכעט געקאָנט קומען ׳כאָטשיג ווען׳ [אף שלא ביום הכיפורים], נאָר וואָס דען, ער האָט געמוזט קומען ״כסדר הזה״, נאָר מיט ׳די׳ קרבנות. אָבער דער **אל יבוא בכל עת** איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן אויף אהרן׳ן אויך נישט, נאָר אויף די קינדער פון אהרן הכהן, [און] אַנדערע כהנים [גדולים, זולת אהרן].

**טז**

וישוב הסתירה בין התורת כהנים להמדרש רבה, בענין ביאת אהרן הכהן, כבר יישבתי במקום אחר

ס׳איז לכאורה אַ סתירה, [שהרי] דאָ אין דעם מדרש (שבתורת כהנים, שבאות יד) **שטייט** דאָך ׳אהרן׳ בבל יבוא ואין משה בבל יבוא. - כ׳האָב עס אַמאָל דאַכט זיך מיר פאַרענטפערט, כ׳האָב שוין אַמאָל געשמועסט דערפון[טז].

**יז**

ועל כל פנים ע״י משה רבינו ודאי היה מציאות ליכנס לשם בכל השנה, ומשמע לכאורה דהיה צריך שיבא גם הוא רק בסדר הזה [ולהמדרש רבה ע״פ הגר״א דגם אהרן היה מותר, בודאי שלא הותר לבא אלא רק בסדר הזה]

אָבער על כל פנים איז דאָך זיכער דאָ [גם בתורת כהנים, כין] **על כל פנים** ״משה רבינו״ איז דאָך זיכער [מותר לבא בכל יום], און דאָ [בפרשה זו] זעט דאָך אויס אַז נאָר ״בְּזֹאת״ יָבֹא אַהֲרֹן, אַז נאָר מיט ׳דעם סדר׳, מיט ׳די קרבנות׳. [ואם כן יש לומר דגם למשה הותר לו ליכנס רק בסדר הקרבנות של פרשה זו. וכל שכן לענין אהרן הכהן, לפי המדרש שהביא הגר״א דגם אהרן אינו בבל יבוא, דמפורש שם במדרש ״רק שיכנס בסדר הזה״ של קרבנות הכתובים בפרשה].

**יח**

**ישוב קושיא ו (אופן א)**

וממילא מיושב קושיית הפני יהושע, דאין ראיה ממה שהקדים לומר פרשת יום הכיפורים בראש חודש ניסן, שהרי למשה ולאהרן היה נוגע פרשה זו בכל יום, מעת הקמת המשכן

ממילא איז דאָך פשוט [מיושב קושית הפני יהושע, דאין להביא ראיה ממה שבניסן כבר הזהירם על עבודת יום הכיפורים, שהרי לפי האמור] איז דאָך געווען אַ מציאות [אַז] **משה רבינו** האָט געזאָלט קומען ׳אַלע טאָג׳ מיט די זעלבע בחינה [וסדר העבודה] פון יום כיפור.

און לויט דעם מאן דאמר, לויט ווי **דער ווילנער גאון** זאָגט פשט דאָרט אין מדרש, האָט ״אהרן הכהן״ אויך געקאָנט קומען ׳יעדן טאָג׳, מיט ׳די קרבנות׳.

ממילא האָט דאָך דאָס פלאַץ געהאַט [אזהרת פרשה זו] ׳יעדן טאָג׳, האָט מען גאָרנישט געמוזט וואַרטן אויף ״יום כיפור״.

נאָר די אַנדערע כהנים [בדורו של אהרן, וכן] אַן אַנדערס מאָל [בדור אחר, אף כהן גדול], קען מען עס נישט טון נאָר ׳יום כיפור׳. אָבער ׳דעמאָלטס באותו הדור׳, ווילאַנג

---

טעות סופר וצריך לומר בכל יום הכפורים, וזה אינו, דבאמת אהרן היה לו רשות ליכנס בכל שעה, ולפי זה בפרשת תצוה (ל, י) דכתיב וכפר ״אהרן״ אחת בשנה, צריך לומר דרצה לומר אחת בשנה ׳מחויב׳ לכפר.

[טו] בויקרא רבה (כא, ז): וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת. אמר רבי יהודה ברבי סימון, צער גדול היה לו למשה בדבר זה, אמר אוי לי שמא נדחף אהרן אחי ממחיצתו, ״בכל עת״, יש עת לשעה ואל יבא בכל עת, יש עת ליום וכו׳ יש עת לשנה וכו׳ יש עת לי״ב שנה וכו׳ יש עת לשבעים שנה וכו׳ יש עת לעולם וכו׳. אמר הקב״ה למשה, לא כשם שאתה סבור, לא עת לשעה ולא עת ליום ולא עת לשנה ולא עת לי״ב שנה ולא עת לשבעים שנה ולא עת לעולם, אלא בכל שעה שהוא רוצה ליכנס יכנס רק שיכנס בסדר הזה. - ובשמות רבה (לח, ח): ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר, משל לבן מלכים שהיה פדגוגו נכנס אצלו ללמד סניגוריא על בנו, והיה מתיירא מן העומדים עליו שמא יפגע בו, מה עשה המלך, הלבישו פורפירא שלו שיהיו רואין אותו ומתייראין ממנו. כך אהרן היה **נכנס בכל שעה לבית קדשי הקדשים**, ואלולי זכיות הרבה שהיו נכנסות עמו ומסייעות אותו לא היה יכול להכנס, למה, שהיו מלאכי השרת שם. מה עשה לו הקב״ה, נתן לו מדמות לבושי הקודש, שנאמר (תצוה כח, מ) וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת, כשם שכתוב (ישעי׳ נט, יז) וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן וְכוֹבַע יְשׁוּעָה בְּרֹאשׁוֹ וַיִּלְבַּשׁ בִּגְדֵי נָקָם.

[טז] ועיין בס״ג אחרי קדושים תשכ״א ותשכ״ו. ובדברי יואל אחרי (עמוד נה, סב).

KolSatmar.com

"משה רבינו" איז געווען, אָדער אפשר גאָר "אהרן הכהן" אַליין, באותו הדור אין "דור המדבר" האָט מען געקענט דעס גאַנצע [סדר עבודה] מאַכן 'יעדן טאָג', האָט מען נישט געמוזט וואַרטן אויף יום כיפור, ממילא האָט דאָך עס פּלאַץ געהאַט צו זאָגן [מיד בר"ח ניסן כשהוקם המשכן], האָט מען דאָס געברויכט צו זאָגן 'דעמאָלטס' שוין.

**יט**

**[ישוב קושיא א - (אופן א)]**

[ובזה מיושב גם כן מה שהקשינו דהתחיל בענין "הזמן", וְאַל יָבֹא "בְכָל עֵת", ומסיים "במה" יבא, כי ב' פסוקים אלו מיירי מאנשים אחרים. כי הפסוק וְאַל יָבֹא מיירי משאר כהנים זולת אהרן הכהן, והפסוק בְּזֹאת יָבֹא, קאי על משה ואהרן, לענין ביאתם לקודש באיזה זמן שיהיה].

**כ**

**ישוב קושיא ו (אופן ב)**

**אויסערדעם קאָן מען 'נאָך' זאָגן, אַז ס'איז נישט קשה** [קושית הפני יהושע].

ממה שהקדים אזהרת קרבן פסח, שפיר יש להביא ראיה לזמן דשואלין ודורשין קודם הפסח,
כי ענין הקרבן פסח אינו נוגע רק ליומו בלבד, ולמה היה לו להקדים זה בל' יום, אם לא מחמת הדין דשואלין ודורשין

**לאָמיר זען. מצות "קרבן פסח"** [שממנו הביא התנא קמא ורשב"ג ראיה על זמן דשואלין ודורשין], **דאָס איז אין 'דעם' זמן** [המיועד דוקא, בערב פסח, או בי"ד אייר], **ס'איז אַ מצוה פאַר זיך** [=בפני עצמו] **וואָס מ'האָט געגעבן אין 'דעם' טאָג.** [ואין שייך להקדים בעשיית מצותה לפני זמנה, וע"כ היה פנאי להזהיר על זה ביומו או סמוך לו, ומדהזהיר במוקדם לזה שפיר יש להביא ראיה דשואלין ודורשין מקודם ל' יום או שתי שבתות].

**כא**

אמנם ממה שהקדים אזהרת יום הכיפורים, אין שום ראיה על זמן דשואלין ודורשין, כי יום כיפור נוסד על "מחילת עונות",
שהוא דבר שצריכין לעבוד על זה בכל השנה כולה, ושפיר שייך הפרשה בכל יום

[מה שאין כן] **"יום כיפור" איז דאָך אויף מחילת עונות,** [כדכתיב להלן] (פסוק כא) **וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, די אַלע שעירים מיט די גורלות** [שבפרשה זו] **אַלעס איז דאָך אויף וְכִפֶּר עַל הַקֹּדֶשׁ מִטֻּמְאֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** (פסוק טז), **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם** (פסוק ל), **אַחַת בַּשָּׁנָה יְכַפֵּר עליכם לְדֹרֹתֵיכֶם** (פסוק לד. ותצוה ל, י).

[ומחילת עונות] **דאָס ברויך מען אינזין האָבן "א גאַנץ יאָר".** [ואין שום קשיא אם מקדימין לאומרו בזמן רחוק מיום כיפור].

**כב**

ובפרט לפי מה שביאר הישמח משה, דלכן לפעמים היה שלא הלבין חוט השני ביום הכיפורים, יען כי זה תלוי באם
עשו תשובה גמורה, כי אף שיום כיפור מכפר אף ע"י תשובה שאינו ראויה, וזה מועיל להגן מפני העונשים, אבל
"כתמי הנפש" אינם מיטהרין רק ע"י תשובה גמורה

**אַזוי ווי דער ישמח משה גיט דאָ** [בפרשתן] **צו פאַרשטיין**[יז], [וואָס] **די גמרא זאָגט** (יומא סז.), **אַז ס'איז געווען הִלְבִּין** [הלשון של זהורית] **איז געווען שְׂמֵחִים, און אַז ס'איז לֹא הִלְבִּין איז געווען עֲצֵבִים.**

---

[יז] **בישמח משה בפרשתן** (ד"ה ולקח)**: ולקח את שני השעירים וגו'** (טז, ז)**. אמרו רז"ל במסכת יומא** (סז.) **בלשון של זהורית הקשור בראש שעיר המשתלח** [שמתחלה היו קושרין חציו בפתח האולם]**, הלבין היו שמחין, לא הלבין היו עצבין, עד כאן. ולכאורה קשה טובא האיך משכחת לא הלבין, הלא יום הכיפורים מכפר בכל ענין כמ"ש הרמב"ם** (בפירוש המשניות יומא פ"ח מ"ח סוף ד"ה חטאת ואשם ודאי, ושבועות פ"א מ"ו סוף ד"ה וחמורות)**. והנראה לי דיש שני מיני תיקונים לעבירה. א' מחילה וסליחה, שהקב"ה מוחל ואינו מעניש. ב' רפואה לחולי ומכות פצעים של הנשמה מהעונות שחובל העובר עבירה בעצמו. הנה יום הכיפורים הוא יום מחילה וסליחה וכפרה, שהקב"ה מוחל וסולח, אבל רפואה אינו רק על ידי תשובה, כנאמר** (ישעי' ו, י) **וָשָׁב וְרָפָא לוֹ. והנה על פי זה מבואר, לא הלבין הוא סימן שאף שהקב"ה מוחל ואינו רוצה להעניש, מכל מקום יש כל המכות והפצעים והרושמים**

KolSatmar.com

לכאורה פרעגט ער אַ קשיא, יום כיפור איז דאָך מכפר, ס'שטייט דאָך אַרויס אין די תורה הקדושה [כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם], עיצומו של יום איז מכפר מיט תשובה[יח], [ואם כן] וויאַזוי האָט געקאָנט זיין [אַז] ס'זאָל זיין לֹא הִלְבִּין.

איז ער מסביר, דאָס איז צוויי זאַכן. ס'איז מכפר דעם "עָוֹן", אָבער די "כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ" די קענען נאָך דאָ בלייבן, 'זיי' מוז מען פאַררעכטן מיט תשובה, דאָס ברויך מען דאָך פאַררעכטן, מוז דאָך הערשט זיין אַ תשובה [גמורה].

איבערדעם כאָטשיג ס'האָט מכפר געווען, דער בורא כל עולמים האָט מכפר געווען אויף די "עונשים", אָבער די "כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ" זענען געבליבן.

[ועל זה אמרו] אַז ס'זענען געבליבן די כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ איז געווען "לֹא הִלְבִּין", [כי] "הִלְבִּין" איז נאָר געווען אַז די כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ זענען אַוועק. - [עד כאן דברי הישמח משה].

**כג**

וממילא כדי לזכות לנקות ולמחוק את כתמי הנפש ביום הכיפורים, על זה צריכין לעמוד ולעבוד במשך כל השנה, ונמצא כי כפרת יום הכיפורים תלוי לפי מה שהאדם מתנהג בכל השנה, וע"כ צריך לידע ולכוון ענין יום הכיפורים בכל ימות השנה

[וממילא] **אויף דעם ברויך מען האָרעווען אַ גאַנץ יאָר.**

קאָן מען פאַרשטיין, אַז די עונות זענען ווייניגער און שוואַכער, [על ידי שעוסקין בתשובה במשך כל השנה], דורכדעם איז גרינגער [ביום הכיפורים] אָפּציוואַשן די כִּתְמֵי הַנֶּפֶשׁ, [מער] ווי [ווען מ'האָט] שטאַרקערע עונות [שלא נחלשו במשך השנה].

**דער "יום כיפור" איז גיוועגדט [לויט] וויאַזוי מ'פירט אָפּ "דאָס יאָר".**

**איבערדעם די "הייליגע טעג" ברויך מען אינזין האָבן 'כסדר', נישט נאָר דעם 'איינעם' טאָג [של יום הכיפורים].**

**כד**

ועל כן אין שום תימה למה הקדים הכתוב להזהיר על יום הכיפורים מתחלת השנה,
ואין להביא ראיה משם על שאר מועדים וזמנים לענין הזמן דשואלין ודורשין

איבערדעם איז נישט פאַרהאַנדן, פון יום כיפור איז נישט שייך צו זאָגן [להביא ראיה על יו"ט אחר אַז] ס'איז שואלין [ודורשין במוקדם], וואָרן **דאָס מוז מען כסדר מתבונן זיין, ווייל אין די 'חטאים' [לתקנם ולשוב עליהם] ברויך מען אַ גאַנץ יאָר אינזין האָבן.**

**כה**

ובפרט לר' יוסי דסובר אדם נידון בכל יום, אם כן בכל יום הוא מעין בחינת "יום הדין", וצריך לשוב תמיד בתשובה

איבערהויפּט [לויט] דער מאן דאמר [רבי יוסי] וואָס ער זאָגט **אדם נידון בכל יום**[יט].

איבערהויפּט **ברבים** איז דאָך אודאי אַזוי ווי אדם נידון בכל יום[כ], איז דאָך יעדער

---

האדומים בהנשמה שצריך לטהרן ולנקותן ולרפאותן, לכך היו עצבין. אבל הלבין הוא סימן שעשו תשובה גמורה, ולא נשאר שום רושם של פצע וחבורה ונטהרו מכל וכל, לכך היו שמחין, כנ"ל ברור בס"ד.

[יח] רבינו מעתיק אליבא דהלכתא (ברמב"ם הל' תשובה א, ג-ד, וברמ"א או"ח סוף סימן תרז) דיום הכיפורים אינו מכפר אלא לשבים. ולפ"ז יהיה החילוק בין אם עשו תשובה גמורה, או סתם תשובה. אבל הישמח משה באמת משמע מדבריו דמפרש הענין אליבא דרבי דסובר (יומא פה: שבועות יג. וכריתות ז.) דיוהכ"פ מכפר לשבים ושאינם שבים, דלדידיה קשה טפי איך אפשר להיות מציאות של "לא הלבין", ולזה מחלק בין עשו תשובה ללא עשו תשובה.

[יט] **בגמרא ראש השנה** (טז.): דתניא הכל נידונים בראש השנה, וגזר דין שלהם נחתם ביום הכפורים, דברי רבי מאיר. רבי יהודה אומר, הכל נידונין בראש השנה וגזר דין שלהם נחתם כל אחד ואחד בזמנו, בפסח על התבואה וכו' ואדם נידון בראש השנה וגזר דין שלו נחתם ביום הכפורים. **רבי יוסי אומר**, אדם נידון בכל יום, שנאמר (איוב ז, יח) וַתִּפְקְדֶנּוּ לִבְקָרִים. רבי נתן אומר, אדם נידון בכל שעה, שנאמר (שם) לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ. - ולהלן **בגמרא שם**: אמר רב יוסף כמאן מצלינן האידנא אקצירי ואמריעי [פירש"י: מפרש במסכת נדרים (מט:) קצירי חולים, מריעי תלמידי חכמים שהן תשושי כח], כמאן כרבי יוסי [דאמר אדם נידון בכל יום, ויתפלל שידונו אותו לזכות ולא יקנסוהו מיתה. דאי כרבנן דאמרי אין נידון אלא בראש השנה, הרי כבר נקנסה עליו].

KolSatmar.com

**טאָג אַ בחינה פון ״ראש השנה און יום כיפור״. נאָר דעמאָלטס** [בראש השנה ויום כיפור] **איז עס אַ דין ׳כללי׳**[כא]**.**

[וממילא] **איז דאָך אַ גאַנץ יאָר זיכער אַז ס׳איז ״זְמַנְיָה״** [של הכנת יום הכיפורים ובקשת מחילת העון ועשיית תשובה]**.**

**כו**

וכמו שהביא עוד הישמח משה, דבכל ערב שבת יש לשוב בתשובה,
כי בסוף השבוע הוא מעין בחינת יום הכיפורים שהוא בסוף השנה שעברה

**ווי טאַקע דער ישמח משה** (בפרשתן ד״ה עוד יתבאר)[כב] **ברענגט דאָך. ברענגט ער אַז יעדן ערב שבת** קומט פון די ״מקורות״ [התעוררות תשובה, ומחויב האדם לתקן לשוב למקורו טהור]**, ס׳איז אַזאַ בחינה** [של זמן תשובה]**, נאָר יום כיפור איז עס פון די ״מקור המקורות״** [מעולם הבינה][כג]**.** [עכ״ד היש״מ]**.**

**איז על כל פנים איז עס אַזוי אין אַ בחינה** [כמו יום כיפור]**. אויף אַ קלענערע בחינה, איז יעדער ערב שבת די בחינה וואָס יום כיפור.**

**כז**

**על כל פנים ברויך מען האָבן ״התבוננות״ אין די אַלע ענינים פון מחילת עונות, ״אַ גאַנץ יאָר״.** [וממילא] **דעס איז נישט קיין ראיה פון ״יום כיפור״ אויף עפּעס אַנדערש.**

**כח**

ועוד שהרי בר״ה ויום כיפור דנין על המעשים והמחשבות שהתנהג בהם בכל ימות השנה, ואין לך רגע בכל השנה שאינו נידון עליה בר״ה ויו״כ, ואם כן צריך תמיד לחשוב ולהתבונן בכל מעשיו איך ידונו על זה בימים הנוראים,
וע״כ בודאי צריך להתבונן בענין יום הכיפורים בכל השנה כולה

[ועוד שהרי] **אַ זאַך וואָס ס׳איז תלוי אין די עונות פון אַ גאַנץ יאָר, דאַרף מען אודאי עס אינזין האָבן אַ גאַנץ יאָר, איז נישט קיין ראיה אַז שואלין ודורשין** [במוקדם] **אַזוי ביי אַנדערע רְגָלִים, אויף אַנדערע מצות, מצות ׳זמניות׳ וואָס ס׳איז תלוי אין זמן.**

**ס׳איז דאָך אַ גרויסער חילוק** [בין יום כיפור לשאר מועדים וזמנים]**, ווייל ׳דעס׳ איז דאָך דירעקט אויף די עונות פון אַ גאַנץ יאָר, אויף דער ״הנהגה״** [של האדם] **בכל רגע ורגע. יעדעס יאָר, איין מינוט** [פון גאַנצן יאָר] **גייט דאָך נישט דורך אַז מ׳זאָל נישט נידון זיין דערויף אין די ״הייליגע טעג״ פון ראש השנה און יום כיפור.**

---

[כ] **דהקשו התוספות** (ראש השנה שם)**:** לרבנן נמי מי לא מצלינן רפאנו וברכת השנים, ועוד רבי יהודה דאמר הכא אדם נידון בר״ה וגזר דין שלו נחתם ביוה״כ, הא אמר בפ״ק דשבת (יב:) הנכנס לבקר החולה אומר המקום ירחם עליך ועל חולי עמו ישראל. ואומר רבינו תם דשלא יחלה ודאי לא מצלינן אלא לר׳ יוסי, אבל שיתרפא מצלינן אליבא דכולי עלמא וכו׳, ועוד יש לומר **דתפלה דרבים שאני**, דגזר דינם נקרע כדלקמן (שם).

[כא] עיין **בספר חסידים** (סימן תשסג)**:** כיון שהקב״ה דן ביום ג׳ שעות, וכן בלילה, א״כ בר״ה ויוה״כ כמו כן, א״כ מה יש בין אותם ימים לשאר ימים. אלא בכל יום דן על הנוהג של בריות באותו יום, ובר״ה דן על עליונים ותחתונים, על כל מה שיהיה באותה שנה, או לשנים רבות וכו׳. - [ודבריו הובא **במגן אברהם** הל׳ ראש השנה (סוף סימן תקצא), עיי״ש עוד]. ועיין עוד בסידור **קול יעקב** (לר׳ קאפל חסיד) בעניני יו״כ בתפילת נעילה, שכתב וז״ל: ולכן אדם נידון בכל יום ע״י הגבורות שמקבלת, כי לעולם הגבורות דנין את העולם, אך ההפרש הוא שבכל ימות השנה נדונין רק היחידים ולא כל העולם, אך בראש השנה ויוהכ״פ כל בני העולם עוברין לפניו כבני מרון.

[כב] **בישמח משה בפרשתן** (ד״ה עוד יתבאר) **כתב:** על דרך המבואר בספר חוקר ומקובל בדף האחרון, שבכל ״ערב שבת״ מחויב לתקן שיבא למקורו טהור, וכל שכן ״קודם יום הכיפורים״ כי הוא מקור המקורות בסוד הבינה, עד כאן דבריו. [ועפ״ז מפרש היש״מ דברי המשנה סוף יומא, לפני מי אתם מטהרים ומי מטהרים אתכם, עיי״ש לפי דרכו].

[כג] ועיין עוד באורך **בשל״ה מס׳ חולין** (תורה אור אות סב).

KolSatmar.com

דאַרף מען "יעדע מינוט" צו וויסן אַז דאָס ווערט מען דַן זיין, ווען ס'ווערט קומען די "הייליגע טעג" ווערט מען אויף דעם אַלעמען דַן זיין.

[ממילא] ברויך מען אודאי מתבונן זיין אין די ענינים פון "ראש השנה", פון "יום כיפור", [במשך פון] אַ גאַנץ יאָר[כד].

ממילא איז נישט קיין ראיה פון דאָרטן אויף עפּעס אַנדערש. (ראה עוד ההמשך בישוב קושיא ו, באות מז ואות נג)

## כט

### ישוב קושיא ג - תירוץ הקדושת יום טוב

מפסוק תדשא הארץ דשא וגו' "עץ פרי", דרשו שיהיה טעם עצו ופריו שוה.
והענין בזה כי העץ הוא "ההכנה" להפרי שהוא התכלית, ובא להורות כי "הכנה למצוה" נחשב שוה כמו המצוה עצמה

כעין זה [מענין גודל מעלת ההכנה, ושכל דבר תלוי לפי הכנתו], דער טאַטע זכרונו לברכה זאָגט אין קדושת יום טוב פרשת בראשית, טייטשט ער דעם מדרש [הנזכר בקושיא ג], תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, הדא הוא דכתיב וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם.

וואָרן ס'שטייט תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו' "עֵץ פְּרִי", דרש'נען חכמינו ז"ל (ב"ר ה, ט) אַז דער בורא כל עולמים האָט באַשאַפן ס'זאָל זיין טַעַם עֵצוֹ וּפִרְיוֹ שָׁוֶה.

וואָס הייסט טַעַם עֵצוֹ וּפִרְיוֹ שָׁוֶה?

דאָס איז די בחינה [של הכנה למצוה], - אַזוי ווי ער [הקדושת יו"ט] גייט 'מיט זיין דרך'[כה], [אַז] אַ יעדע זאַך איז דער עיקר נאָר די "הכנה" וואָס מ'האָט [דערצו].

- איי ווייי - די הכנה למצוה דאָס איז דער עיקר, וואָס 'אַזוי' קומט אַרויס דערנאָך די מצוה [בשלימות].

[וכמו כן בעץ ופריו], די "עץ" איז די הכנה אויף די "פרי" [כי תכלית העץ הוא להיות עושה פירות], דאָס איז אַ בחינה אַז די "הכנה צו די מצוה" איז [נחשב] אַזוי ווי די "מצוה", דעס הייסט אַז ס'איז טַעַם עֵצוֹ וּפִרְיוֹ שָׁוֶה.

## ל

ובפסוק וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב, דרשו בגמרא דכל האוכל ושותה בתשיעי נחשב כאילו התענה תשיעי ועשירי, וביאר הטור ובית יוסף דמשמעות הכתוב הוא "וְעִנִּיתֶם" אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ, היינו "שתכינו עצמכם בתשיעי" לעינוי של יום העשירי

[והנה] ס'שטייט וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם [בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב, ופירשו בגמרא (יומא פא:) כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי], פרעגט דער בית יוסף[כו]

---

[כד] **בגמרא מגילה** (לב.): תנו רבנן, משה תיקן להם לישראל שיהו שואלין ודורשין בענינו של יום, הלכות פסח בפסח, הלכות עצרת בעצרת, הלכות חג בחג. וכתב המהרש"א: והא דנקט בברייתא שלש רגלים פסח ועצרת וחג ולא נקט נמי ראש השנה ויום הכיפורים דכתיבי גם כן בזו הפרשה, יש לומר דלא תיקן משה בשאר מצות משום דלא אתיין מזמן לזמן, והכי נמי ראש השנה ויום הכיפורים לא מקרו מזמן לזמן, **דיש לאדם ליתן לבו לתשובה בכל השנה כמו בראש השנה ויום הכיפורים**, מה שאין כן בשלש רגלים דמצותן בזמנן בענינו של יום.

והדברים מבהילים, שכן רבינו עומד כאן בשבת ראשון שאחר פסח (כי היתה שנת העיבור), ומזהיר את ישראל להכין עצמם לקראת ראש השנה ויום הכיפורים הבא עלינו לטובה. [וכן להלן מיירי מענין שבתשרי הם ימי דין ופחד משא"כ בניסן, וגם משלב ענין ניסן ותשרי, כי עומד כאן בניסן ומכין עצמו על תשרי, ודו"ק כי נפלא הוא. גם ראוי לציין כי דברי רבינו בדרוש זה סובב דכלפי מעלה הוא העיקר הוא בניסן, והדינים שבתשרי הם הכנה להרחמים והחסדים של ניסן. אבל כלפי בנ"י אצלם העיקר הוא בתשרי שאז עוסקין בתשובה, ולזה צריך בניסן ובכל השנה לעשות הכנה לקראת ימי תשרי].

[כה] כי הקדושת יו"ט מאריך בענין זה בכמה מקומות בספרו, לבאר חשיבות ענין הכנה למצוה ודבר שבקדושה, עיי"ש בפרשת ויצא (בפסוק ויפגע במקום) ופרשת תשא (בפסוק ואתה דבר) ופרשת שמיני (בפסוק ויאמר אל אהרן) ופרשת נשא (בפסוק קח מאתם) וריש פרשת בלק, ובפרשת ואתחנן (ד"ה במדרש בשעה שבקש).

**פאַרוואָס הייסט די אכילה** [בשם] **״עינוי״,** [ומתרץ] **ווייל דער בורא כל עולמים האָט דאָך געהייסן, ׳פאַרדעם׳ האָט ער געהייסן ״עסן״** [אום] **״ערב יום כיפור״ כדי מ׳זאָל כח האָבן צו ״פאַסטן״** [ביום כיפור]**, איז דאָך די אכילת ערב יום כיפור אַ ״הכנה״ צו דער ״עינוי״,** [וממילא] **אַז ס׳איז אַ ״הכנה צו דער עינוי״ האָט עס דעם זעלבן נאָמען ווי די ״עינוי״, הייסט עס וְעִנִּיתֶם.**

**לא**

וממילא מפסוק ״ועניתם״ מוכח גם כן דהכנה למצוה נחשב כהמצוה עצמה, ומובן שפיר דברי המדרש פליאה שמביא הפסוק ועניתם להפסוק תדשא הארץ דשא

[וממילא מהפסוק ועניתם את נפשתיכם בתשעה לחודש בערב] **איז געדרינגען אַז די ״הכנה״** [למצוה] **האָט עס דעם דין אַזוי ווי די ״מצוה״** [אַליין]**.**

**איבערדעם האָט דאָס אַ שייכות דאָ דער פסוק וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ, צו דעם פסוק תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו׳ ״עֵץ פְּרִי״ עֹשֶׂה פְּרִי.**

**אַזוי זאָגט דער טאַטע זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב**[כז]**.**

**לב**

הקדמה לישוב קושיא ג - לדרכינו

**נאָר מיר דאַכט זיך** [אַז] **מ׳קען נאָך דאָ מוסיף נופך זיין, טאַקע ׳בְּדְרָכוֹ׳ אֵלֶךְ און מוסיף נופך זיין**[כח]**,** [אַז ווייל] **דער וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם איז די הכנה צום עינוי** [על כן] **קער דאָס צום פסוק תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא.**

---

[כו] **בבית יוסף** (או״ח סימן תרד)**: ואם תאמר, קרא קאמר דיתענה בתשעה לחודש, והיכי יליף מיניה איהו דיאכלו בו.** ועוד, לכשתימצי לומר דמותר לאכול בו, מנא ליה שמקבל שכר כאילו התענה. ויש לומר דמדכתיב בערב, על כרחך לא מקפיד אעינוי דתשעה, והכי משמע קרא, כלומר התקן עצמך בתשיעי שתוכל להתענות בעשירי. ומדאפקיה קרא בלשון עינוי ילפינן דהיינו לומר לך דהרי הוא כאילו מתענה בתשיעי.

[כז] **וז״ל הקדושת יום טוב:** הנה ידוע פירש״י ז״ל (בראשית א, יא)**, עץ פרי, שיהיה טעם העץ כטעם הפרי, והיא לא עשתה כך אלא ותוצא הארץ וגו׳ ועץ ״עושה״ פרי.** דלכאורה יפלא מאד מאין בא זה שתחטא הארץ נגד יוצרה וקונה יתברך. אך הרמז לזה נראה, מה שצוה הקב״ה שיהא טעם העץ כטעם הפרי, שרצה הקב״ה שיהא נחשב לפניו הֲכָנָה למצוה כמו המצוה ממש, כמו גבי ״עץ״ שתכליתו להיות עושה פירות, וגוף העץ היא הכנה על הפירות, על כן צוה שיהא טעם העץ כטעם הפרי. **וז״ש הכתוב** (דברים כ, יט) **כי האדם עץ השדה,** כמו גבי עץ השדה צוה הקב״ה שיהא טעם העץ כטעם הפרי והכנה לפרי כמו הפרי, כן האדם כל מה שיעשה בעניני גשמיות כגון אכילה ושתיה ומשא ומתן וכדומה, יעשה לשם שמים שיהא לו כח לעבוד את השי״ת, **ולגדל בניו לתורה, ולעשות צדקה ומעשים טובים, וזה ״הכנה למצוה״ יהא נחשב ״כמצוה״ ממש.**

אך לאו כל אדם זוכה לכך ואדם הוא בעל שכחה וכו׳, על כן הארץ לא עשתה כן, רק ותוצא הארץ עץ ״עושה״ פרי, כי גוף המצוה קיימא לן (טוש״ע או״ח סי׳ ס׳) מצוה אין צריכה כוונה, וכן הוא בזוהר הקדוש (יתרו צג:) זכאה מאן דעביד פקודא דמאריה אע״ג דלא מכוין כדקא יאות. אמנם העיקר [הוא] הכנה אשר למצוה, בעת שעוסק בעניני גשמיות עולם הזה **אכילה ושתיה ומשא ומתן ובנין בתים וחצרות,** הכוונה מוכרחת לשם מצוה, **כדי לגדל בניו לתורה ולהשיא בנותיו לתלמידי חכמים, ובונה בתים לקיים בהם הכנסת אורחים,** על כן מחויב כל אדם לתקן זאת להרגיל עצמו בכך **שיהיה כל מעשיו לשם שמים,** וכתיב (משלי ג, ו) בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ, **שיהא כל מעשיך רק ״הכנה למצוה״ והוא נחשב ״כמצוה״ ממש,** כמו שצוה הקב״ה שיהיה טעם העץ כטעם הפרי.

ודבר זה היא מקרא מפורש, **וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ** וכו׳ אלא כל האוכל בתשיעי כאלו התענה תשיעי ועשירי. הן אמת שיש בזה סודות הרבה, עם כל זה אין המקרא יוצא מידי פשוטו, דהשי״ת צוה לנו לאכול בתשיעי וכו׳ ואולי אם לא נאכל בתשיעי לא יהיה בכחינו להתענות בעשירי, ואכילה ושתיה של תשיעי נחשב כאלו התענה תשיעי ועשירי. **מזה נראה להדיא דהכנה של מצוה כמצוה.**

ובזה יתבאר היטב המדרש, **ויאמר אלקים וגו׳ עץ פרי עץ עושה פרי,** ופירש״י שצוה הקב״ה שיהא טעם העץ כטעם הפרי, ולפי מ״ש שרצונו היה שהכנה למצוה יהיה נחשב כמצוה, **הה״ד ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש, ומשם מוכח שהכנה למצוה כמצוה.**

[כח] והיינו כי הראיה מן הפסוק וְעִנִּיתֶם, יהיה כדברי הקדושת יום טוב, דמשם רואין כי הכנה נחשב כמצוה. אבל המכוון בפסוק תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, ושבו נרמז ענין ״הכנה״, זה יהיה לְדרכינו באופן אחר.

KolSatmar.com

## לג

**בגמרא נחלקו אי בתשרי נברא העולם או בניסן, ולמ"ד בתשרי מביא ראיה מהפסוק וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו', דזמן 'הוצאת' הדשאים 'ומילוי' פירות האילן הוא בתשרי, ולמ"ד בניסן מביא ראיה מפסוק שאחר זה וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו', דזמן 'מילוי' הדשאים 'והוצאת' פירות האילן הוא בניסן**

[דהנה] אין די **גמרא**[כט] איז אַ פלוגתא, צי **בניסן נברא העולם**, צי **בתשרי נברא העולם.**

דער וואָס ער לערנט אַז **בתשרי נברא העולם**, לערנט [עס] אַרויס פון פסוק [של 'הציווי', וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים] **תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו' עֵץ פְּרִי**, דעמאָלטס איז דער זמן הַחֹדֶשׁ שֶׁמִּתְמַלֵּא [הָאָרֶץ בִּדְשָׁאִים, און] די אילנות זענען מתמלא מיט פירות.

און דער וואָס ער לערנט ווידעראום **בניסן נברא העולם**, לערנט זיך אַרויס [מהפסוק] פון די 'מעשה', וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו' וְעֵץ עֹשֶׂה פְּרִי, דעמאָלטס הייבט עס אָן צו 'שפּראָצן', ניסן הייבט עס אָן צו שפּראָצן ווידעראום. זעט מען אַז ס'איז געווען אין ניסן.

אַזוי זאָגט די גמרא, אין דעם איז דאָ אַ פלוגתא צוויי מאן דאומרים.

די גמרא פאַרענטפערט די פסוקים נאָך דעם און נאָך דעם [=לכל חד כדאית ליה, שמקשה שם "ואידך נמי הא כתיב" וכו' (כמובא בהערה כט)].

## לד

**וביארו התוספות, וכן הוא בכתבי האריז"ל, דאלו ואלו דברי אלקים חיים. כי בתשרי היה בחינת "המחשבה" של בריאת העולם, ובניסן היה המעשה**

אָבער לעולם איז דאָך דער כלל [כי אלו ואלו דברי אלקים חיים].

ס'שטייט דער **אר"י הקדוש** זאָגט (פע"ח שער השופר פ"ה), און ס'ווערט געברענגט [בשם ר"ת] די זעלבע וואָס דער אר"י הקדוש זאָגט, די זעלבע שטייט אין **תוספות** [ראש השנה] **דף כ"ז** (ע"א ד"ה כמאן) **נאָך פון רבינו תם**[ל], [שבא ליישב] דעם נוסח וואָס **רבי אליעזר הקליר** האָט 'מייסד' געווען דאָרטן אינעם פּיוט אַזוי, [אַז] אויף איין פּלאַץ זאָגט ער אַזוי ווי דער מאן דאמר וואָס לערנט אַז **בניסן נברא העולם**, ביי די פיוטים פון "ניסן", און אויף איין פּלאַץ, ביי די פיוטים פון "תשרי" (ביוצרות למוסף דשמיני עצרת) דאָרט האָט ער 'מייסד' געווען גאָר אַז **בתשרי נברא העולם**. זאָגט ער [הרבינו תם, כי] **אלו ואלו דברי אלקים חיים**, אַז "תשרי" איז געווען **עלה במחשבה לברוא את העולם**, און "ניסן" איז עס געווען **במעשה.**

---

[כט] **בגמרא ראש השנה** (יא.): תניא, רבי אליעזר אומר מנין שבתשרי נברא העולם, שנאמר (א, יא) **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי**, איזהו חודש שהארץ מוציאה דשאים ואילן מלא פירות, הוי אומר זה תשרי וכו'. **רבי יהושע** אומר מנין שבניסן נברא העולם, שנאמר (פסוק יב) **וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע לְמִינֵהוּ וְעֵץ עֹשֶׂה פְּרִי**, איזהו חודש שהארץ מליאה דשאים ואילן מוציא פירות, הוי אומר זה ניסן, וכו'. ואידך נמי הא כתיב עץ עושה פרי, ההוא לברכה לדורות הוא דכתיב. ואידך נמי הא כתיב עץ פרי, ההוא כדרבי יהושע בן לוי דאמר רבי יהושע בן לוי כל מעשה בראשית בקומתן נבראו, לדעתן נבראו, לצביונן נבראו, שנאמר (שם ב, א) **וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם**, אל תקרי צבאם אלא צביונם. - ופירש"י, **תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ**, תתכסה ותתלבש בדשאין. **עֵץ פְּרִי**, שנגמר פריו. **וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ**, ולא כתיב ותדשא הארץ. **וְעֵץ עֹשֶׂה פְּרִי**, ולא עץ פרי גמור.

[ל] **בגמרא ראש השנה** (כז.): כמאן מצלינן האידנא **זֶה הַיּוֹם תְּחִלַּת מַעֲשֶׂיךָ זִכָּרוֹן לְיוֹם רִאשׁוֹן**, כמאן כרבי אליעזר דאמר בתשרי נברא העולם. - וכתבו **התוספות**, תימה הא קיי"ל כרבי יהושע וכו'. ואומר רבינו תם דקיי"ל כרב עינא וכו' (עיי"ש). ומה 'שיסד' **רבי אליעזר הקליר** בְּגֶשֶׁם דשמיני עצרת כרבי אליעזר דאמר בתשרי נברא העולם, ובשל פסח יסד כרבי יהושע, אומר **רבינו תם דאלו ואלו דברי אלקים חיים**, ואיכא למימר דבתשרי עלה במחשבה לבראות, ולא נברא עד ניסן. ודכוותה אשכחן בפרק עושין פסין (עירובין יח.) גבי אָדָם [הָרִאשׁוֹן], שעלה במחשבה לבראות שנים [זכר ונקבה], ולבסוף לא נברא אלא אחד. [וכנראה שהפייט המוזכר בתוספות אינו נמצא לפנינו].

KolSatmar.com

[ולכן בתשרי] **מ׳זאָגט הַיּוֹם הֲרַת עוֹלָם,** [ווי] **דער אר״י הקדוש זאָגט**[לא] [דהכוונה כי] **הַיּוֹם ״הֲרַת״ עוֹלָם איז לשון הריון,** [כי בתשרי] **דעמאָלטס איז געווען ״במחשבה״.**

**לה**

וכן ביערות דבש מפרש לפי דרכו דשניהם אמת, כי קודם חטא אדם הראשון היו המזלות וכל הבריאה הולכין במהירות יותר, ונמצא שביום אחד הראשון, הלכו המזלות כל מה שהם הולכין עתה מניסן ועד תשרי, ונמצא כי שניהם היו ביום אחד

**לעולם דער יערות דבש זאָגט דאָך**[לב] [לפי דרכו], **אויך אַז ס׳איז ביידע אמת** [דהעולם נברא הן בתשרי והן בניסן]. **וואָרן דעמאָלטס** [קודם החטא] **זענען דאָך נאָך, די אַלע מערכת השמים זענען נאָך געגאַנגען ״שנעלער״, ס׳שטייט אין מדרש**[לג] **דורכן חטא אדם הראשון האָבן זיי באַקומען אַ תַּשּׁוּת כֹּחַ,** [און] **ס׳דויערט ״לענגער״. ביז דעמאָלטס זאָגט ער** [ביערות דבש, כי] **אַזוי ווי די גַּלְגַּלִּים גייען פון ניסן ביז תשרי דויערט** [היינט] **״זעקס חדשים״,** [אבל בתחלת הבריאה] **דעמאָלטס איז עס געגאַנגען אין ״איין טאָג״ איז דורכגעגאַנגען די אַלע זעקס חדשים,** [ונמצא דבאותו יום היה הן ניסן והן תשרי].

**לו**

ולפי זה צ״ל דמה שאמרו בגמרא שיש בזה פלוגתא, הוא רק כלפי איך שיוצאת אל הפועל לפנינו עתה (לחשבון תקופות ושנים)

**אָבער אף על פי כן זעט אויס ׳דאָך׳ אין די גמרא אַז ס׳איז אַ ״פלוגתא״** [צי] **בניסן נברא העולם** [צי] **בתשרי נברא העולם.** [ואם כן לדברי התוספות והאר״י (וכן לדברי היערות דבש) דתרווייהו איתנייהו, אם כן מה שייך פלוגתא בזה]?

**נאָר** [הפלוגתא הוא] **אויף וואָס פאַר אַ בחינה איז עס ׳אַרויס געקומען׳ דער בריאת העולם** [שפעטער, לפי מה שהוא נגלה לפנינו עתה לאחר חטא אדם הראשון, ונוגע לדינא לענין האיך מונין לתקופות ולשנים].

---

[לא] **בפרי עץ חיים** (שער השופר פ״ה): ומה שאנו אומרים בראש השנה הַיּוֹם הֲרַת עוֹלָם, ונחלקו רז״ל אם בתשרי נברא העולם אם בניסן, ואיך יחלקו ׳במציאות׳ במחלוקת זה, ואיך יצדק על זה אלו ואלו דברי אלקים חיים. והתירוץ לזה, כי יש עיבור ולידה, ומר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי. כי בתשרי היה העיבור, וכן אותיות ׳תשרי׳ הם אותיות ׳ראשית׳. ובניסן היתה הלידה, שצריך נסים וכו׳ בעת לידתה, וכן מורה ניסן ענין נס, ובו היתה הגאולה בנס. וידוע כי כל יציאת מצרים הוזכרה בלשון לידה, ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמייך. וכן אמר כאן, היום הרת עולם לשון הריון, ולא אמר [היום] ׳נברא׳ העולם, כי בתשרי היה הריון.

[לב] **ביערות דבש** (חלק ראשון דרוש א) ציין לדברי התוספות הנזכר, ועל זה כתב: והתוספות נכנסו בדחוקים עיי״ש. אבל צריך להבין גם כן מה שאמרו בגמרא (ר״ה יב.) דמונין לשנים ושנות אדם מתשרי כר׳ אליעזר, אבל לתקופה מונין מניסן. ויש להבין בממה נפשך, אי בתשרי נברא, ימנו הכל מתשרי, ואי בניסן ימנו הכל מניסן. אבל הענין כך, כי בודאי הענין מה שאמרו דבתחילת הבריאה בניסן או בתשרי, הכוונה אי תליית המאורות היתה בראש מזל טלה או בראש מזל מאזנים. ומבואר במדרש (בר״ר י, ד) כי קודם חטא אדם הראשון היו המאורות גלגלים הולכים במהירות למאוד, ואח״כ הולכים במתינות למאוד בקלקול החטא. ובזה יובן כי המאורות נתלו בתחלת ליל ד׳ במזל טלה, כי הוא ראש למזלות, ולכן ניסן ראשון לחדשים, וגם ראוי שבו יתחילו המאורות להלך, ומשם יקחו דרכם, אך מיהרו לסבב גלגל המזלות בהלוכן ממערב למזרח, עד שכאשר הגיע יום הששי אחר חצות הגיעו המאורות למזל מאזנים שהוא תשרי. ובזה יובן כי לתקופה שהוא תחלת מנין תליית המאורות, מונין מניסן, וכן יסד הקליר עתותי קיץ וחורף שהוא תלוי בסיבוב מזלות בניסן נעשו, כי שם תליית המאורות. אבל אדם שהיה ביום ו׳ היה בתשרי, כי כבר הגיעה בו ביום החמה למאזנים, וכן לבנה, ולכך לשנות אדם מונין מתשרי, כי באמת היה ביום ו׳ [מזל] תשרי, כי החמה והלבנה הגיעו למאזנים, וכן יסד הקליר (בפייט לר״ה) אֶפֶּד מֵאָז לְשֶׁפֶט הַיּוֹם, כי זה נעשה בתשרי ביום ו׳, וזהו ברור ואמת, ומה עמקו מחשבות חז״ל ואיש בער לא ידע.

[לג] **בבראשית רבה** (י, ד): א״ר הושעיא, דרש רבי אפס באנטוכיא, אין לשון ״וַיְכֻלּוּ״ אלא לשון מכה ולשון כלייה. משל למלך שנכנס במדינה וקילסו אותו בני המדינה וְעָרֵב לו קִלּוּסָן, הרבה להן בדיצה וכו׳.. לאחר זמן הכעיסו אותו, ומיעט להן בדיצה וכו׳. כך עד שלא חטא אדם הראשון היו המזלות מהלכין דרך קצרה ובמהירות, משחטא סיבבן דרך ארוכה ובמתינות, יש מזל שגומר הלוכו לי״ב חדש כגון כוכב חמה, ויש מזל שהוא גומר הלוכו לשלשים יום והיא לבנה, ויש מזל שהוא גומר הלוכו שנה והוא צדק, ויש מזל שהוא גומר הלוכו לשלשים שנה והוא שבתי, חוץ מן כוכב נוגה ומאדים שאין גומרין הלוכן אלא לד׳ מאות ושמונים שנה.

KolSatmar.com

## לז

אבל בעצם הם שניהם אמת, כי היה הבריאה הן בניסן והן בתשרי, ובזה א"ש ששני הפסוקים צדקו יחדיו לכל הדיעות

לויט דעם זענען דיביידע פסוקים אַמאָל אמת[לד], [כי הפסוק של 'הציווי'] **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא** [דמשמעו על תשרי], דאָס גייט אַרויף אויף וואָס דער בורא כל עולמים [כביכול עלה במחשבה], אויף די "מחשבה" לברוא את העולם [שהיה בתשרי].

והראיה, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט, דער **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ** איז דאָך געווען במחשבה, [וכפירש"י שם דבתחילה עלה במחשבה לבראתו במדת הדין, ולכן נאמר שם רק שם "אלקים", וכמו שיבואר להלן (אות לט, ועיין בהערה לז)].

נאָכדעם שטייט **וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו'**, איז דאָך שוין געווען 'במעשה', די "מעשה" איז געווען אין ניסן [וכדברי התוספות והאר"י הק'][לה].

## לח

### ישוב קושיא ג - לדרכינו

בפסוק תדשא הארץ דשא וגו', מוכח שהיה בתשרי, ועל זה קשה דהא בפסוק שאחריו מוכח דהיה בניסן, ועל כרחך דתשרי היה רק בבחינת מחשבה, אבל המעשה היה בניסן. ולכאורה למה נזכר בתורה גם בחינת המחשבה, אלא על כרחך דבא להורות חשיבות "ההכנה" לדבר, יען כי המחשבה הוא "ההכנה" להמעשה עצמה

לכאורה, דאָס קען זיין דער פשט [בדברי המדרש שבקושיא ג].

נו אַז ס'שטייט **תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא**, איז דאָך דאָס געווען אין "תשרי" [כמבואר בגמרא], איז דאָך אַ קשיא ס'שטייט דאָך [אחר זה] **וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ וגו' וְעֵץ עֹשֶׂה פְּרִי**, איז דאָך געדרינגען אַז ס'איז "ניסן" [כמבואר שם בגמרא].

מוזטו זאָגן אַז 'דאָס' [מאמר תדשא הארץ דשא] איז געווען "במחשבה" [דהוא הכנה למעשה, על דרך] סוף מעשה במחשבה תחלה, אַז דאָס [המחשבה שבתשרי] איז געווען אַ הכנה צו דעם [להמעשה שבניסן].

אָבער "במעשה" איז עס טאַקע געווען [אין] ניסן, [ועל זה נאמר הפסוק ותוצא הארץ דשא וגו', דמשמע בניסן].

נו וואָס דען האָט עס די תורה הקדושה מזכיר געווען, אַז ס'איז געווען אין "תשרי" [תדשא הארץ וגו'] ?

ווייל ער דערציילט מיר די "מחשבה", [אַז] ס'איז געווען "הכנה" צו דעם [להמעשה], בתחילה עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין. (ההמשך בישוב קושיא ג, באות מ)

## לט

### ביאור דברי רש"י - בתחלה עלה במחשבה לברוא במדת הדין וכו'

בתחילה היינו בימי תשרי עלה "במחשבה" לברוא העולם במדת הדין, שבתשרי הם ימי הדין,
אבל לבסוף כשבא לידי מעשה כבר היה בניסן שהם ימי חסד ורחמים, ולכן הקדים מדת רחמים למדת הדין

קען זיין[לו] דאָס איז דער פשט [בדברי רש"י][לז], **בתחילה עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין**, [ווייל] תשרי איז דאָך ימי דין, ימי פחד, [ולזה אמרו] **בתחילה עלה**

---

[לד] ולכן לא תקשי אדרבי אליעזר דס"ל בתשרי, ממאי דכתיב ותוצא הארץ דמשמע בניסן, וכן לרבי יהושע דס"ל בניסן לא תקשי ממאי דכתיב תדשא הארץ דשא דמשמע בתשרי.

[לה] וכן לדרך היערות דבש, הלא תרווייהו איתנייהו ביום אחד.

[לו] קטע זה הוא הקדמה לישוב קושיא ד, דלקמן אות מד.

[לז] **ברש"י** (בראשית א, א. ד"ה ברא אלקים): **ברא אלקים. ולא אמר ברא ה', שבתחלה עלה במחשבה לבראותו במדת הדין**, וראה שאין העולם מתקיים, והקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין. והיינו דכתיב (בראשית ב, ד) ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים.

KolSatmar.com

״במחשבה״ לברוא העולם ״במדת הדין״, וואָרן במחשבה איז דאָך געווען אין ״תשרי״. [אבל] במעשה איז געווען **הקדים מדת הרחמים** [ושתפה למדת הדין], ווייל ׳במעשה׳ איז דאָך שוין געווען ״ניסן״, ניסן איז דאָך שוין אַ חודש פון רחמים וחסדים, ס׳איז נישט קיין ימי דין, איבערדעם במעשה איז עס געווען [ברחמים], נאָר עָלָה [לברוא בדין], ווייל ס׳איז געווען **הקדים מדת הרחמים**, וואו ס׳שטייט [בְּיוֹם עֲשׂוֹת ״ה׳ אֱלֹקִים״] ארץ ושמים, דעמאָלטס איז הקדים [מדת רחמים], דאָרט [בתחלה] **שטייט בְּרֵאשִׁית בָּרָא ״אֱלֹקִים״** און דאָ שטייט **בְּיוֹם עֲשׂוֹת ״ה׳ אֱלֹקִים״**, איז הקדים מדת הרחמים, ווייל ביים סוף [בְּיוֹם ״עֲשׂוֹת״ שהוא המעשה] איז שוין געווען ״ניסן״.

### מ
### סיום ישוב קושיא ג - לדרכינו

ולכן שפיר מביא המדרש לזה את הפסוק ״ועניתם״ את נפשתיכם בתשעה לחודש, דמשם נלמד גם כן דהכנה לעינוי נחשבה כהעינוי עצמה, וכמו שנזכר לדרך הקדושת יום טוב

[על כל פנים ביי] יעדע זאַך, די ״מחשבה״ איז אַן **הכנה** צו די ״מעשה״, **סוף מעשה במחשבה תחילה.**

[ואם כן מהפסוק] **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא**, זע איך דאָך אַז ס׳איז נישט געווען אויפאַמאָל [כדי שיוקדם הכנה להמעשה]. **במחשבה איז דאָך געווען תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו׳ עֵץ פְּרִי**, איז דאָך געוועזן נאָך ״תשרי״, און במעשה שטייט דאָך דערנאָך ״ניסן״, אלא מאי ס׳איז נישט געווען אויפאַמאָל, ס׳איז געוועזן צוויי [זמנים], ס׳איז געווען די ״הכנה״ איז געווען ׳פאַר׳ דער ״מעשה״, ווען דער בורא כל עולמים האָט באַשאַפן די וועלט איז עס באַשאַפן געוואָרן מיט אַן ״הכנה״ ׳פאַר׳ די מעשה, די ״הכנה״ איז געוועזן אין **תשרי** און די ״מעשה״ איז געוועזן אין **ניסן**.

זעט מען דאָך אַז הכנה מילתא היא, [ולכן אמרו במדרש] **זה שאמר הכתוב וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם**, [על דרך] אַזוי ווי דער טאַטע זכרונו לברכה [לדרכו] זאָגט אין קדושת יום טוב [אַז] פון **וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ** איז געדרינגען אַז די הכנה איז דער עיקר טאַקע.

### מא
### הקדמה לישוב קושיא ד-ה

בייטב לב מבאר סיבת שליחות המרגלים, דהוא כדי לעשות הכנה להארץ, להכינה ולהזמינה אל הקדושה. ומבאר דזה היה גם ענין הקדמת ביאת יוסף למצרים, להזמין את ארץ מצרים אל הקדושה, לצורך בני ישראל שבאו אח״כ לשם. ולזה מסר יוסף סימן ליעקב שעסק בפרשת עגלה ערופה, דמשם למדו בגמרא הדין של ״הזמנה מילתא היא״, ואף למ״ד הזמנה לאו מילתא הוא אבל בדבר שהוא גוף הקדושה לכו״ע הזמנה מילתא היא

**די זעלבע זאַך שטייט דאָרטן** [בהמדרש פליאה שבקושיא ד].

[דהנה] **דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב** ברענגט דאָרט אין **פרשת שלח** ביי די מרגלים[לח], [ווען] משה רבינו האָט געשיקט די מרגלים האָט ער געוואָלט אַז זיי זאָלן אָנגרייטן אַן ״הכנה״ און מזמין זיין [את הארץ] צו די קדושה.

---

[לח] **בייטב לב: שְׁלַח לְךָ** (שלח יג, ב). פירש רש״י **לך, לדעתך כו׳, לפי שאמרו ישראל** (דברים א, כב) **נִשְׁלְחָה אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ וגו׳, אמר הקב״ה אני אמרתי להם שהיא טובה כו׳.** והקשה הרמב״ן ז״ל, אם כן משה בעצמו למה הוטב בעיניו, דכתיב להלן (שם, כג) **וַיִּיטַב בְּעֵינַי הַדָּבָר.**

והנראה לי בזה כי לא מחשבותיו מחשבותם, שהוא נתכוון לשמים, והוא על פי דבסנהדרין (מז:) פליגי אביי ורבא, אביי סובר הזמנה מילתא היא, ויליף מעגלה ערופה דירידתה לנחל איתן אוסרתה, ורבא סובר לאו מילתא היא, דלא גמרינן ״משמשין״ מעגלה ערופה דהיא גופה ״קדושה״. וקיימא לן כרבא (שם מח:). וכתב

די זעלבע איז געווען [ביי] יוסף הצדיק, ברענגט ער [לפרש, וואָס] יוסף הצדיק האָט געשיקט די פרשה פון עגלה ערופה פאַר יעקב אבינו, [וסימן מָסַר לו] אַז ער האָט עוסק געווען אין די פרשה פון עגלה ערופה. זאָגט ער, [דעס] וואָס יוסף הצדיק האָט געדאַרפט צו קומען קיין מצרים [מקודם, היה כדי] ער זאָל מזמין זיין די קדושה, [אַז] די שבטים מיטן כלל ישראל זאָלן זיך קענען דערהאַלטן דאָרטן, האָט ער געדאַרפט צו גיין פאָראויס, [כדכתיב] וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ (ויגש מה, ז).

[און] פון וואַנעט איז געדרינגען [כי] הַזְמָנָה מִילְּתָא, לערנט די **גמרא** אַרויס פון עגלה ערופה, אַז יְרִידָתָהּ לְנַחַל אֵיתָן אוֹסַרְתָּהּ (קידושין נז.), האָט עס מזמין געווען [העגלה], אפילו מ'האָט עס נישט געטון [שלא נערפה לבסוף, אבל] די הכנה, ווייל מ'האָט עס אָנגעגרייט אויף דעם. הַזְמָנָה מִילְּתָא הִיא איז געדרינגען [משם], דאָס לערנט די גמרא אַרויס פון עגלה ערופה [אַז] הזמנה מילתא היא, אין **סנהדרין דף מ"ז** (ע"ב).

איבערדעם האָט ער [יוסף] אים געשיקט די פרשה פון עגלה ערופה. [דבזה הודיע ליעקב תכלית ירידת יוסף למצרים, דהוא להזמין שיקנה המקום ההוא בחינת קדושה למען יוכלו יעקב ובניו להיות שמה]. - אַזוי שטייט אין **ייטב לב.**

**מב**

ובזה פירשתי דברי המדרש: כשראה יעקב את העגלות ששלח יוסף, אמר ודאי אני יודע שלא חטא יוסף באשת פוטיפרע. כי ענין "העגלות" פירש"י דהוא הסימן של פרשת "עגלה ערופה", ומזה הבין יעקב כי יוסף עשה הכנה הראויה לביאת ישראל למצרים, ואם כן בודאי לא חטא יוסף

מיט דעם האָט איך געזאָגט פשט[לט], איך האָב געטייטשט דעם מדרש, וואָס דער מדרש זאָגט (הובא בקדושת יום טוב פ' ויגש) **כשראה יעקב את הָעֲגָלוֹת אשר שלח יוסף לשאת אותו, אמר ודאי אני יודע שיוסף לא חָטָא באשת פוטיפרע.**

[ולכאורה] וויאַזוי האָט ער פון די עגלות געוואוסט.

[וביארתי דהנה על] די "עגלות", זאָגט דאָך **רש"י**[מ], ער האָט אים באַפוילן [למסור סימן ליעקב] די [פרשת] **עגלה ערופה**, [ולדברי הייטב הכוונה שמשם נלמד] אַז הזמנה מילתא

---

הנמוקי יוסף (שם טו. בדפי הרי"ף ד"ה איתמר) הביאו זקיני הרמ"א (או"ח סימן מב, ג), קלף או הקציצה המעובד לשם תפילין אסור לכתוב עליו דברי חול, דהזמנה כי האי גוונא לגוף הקדושה מילתא וכו' עיי"ש.

ובזה נראה לי להבין הא דכתיב (ויגש מה, כז) וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת, ואיתא במדרש (ב"ר צד, ג) סימן מסר להם יוסף, כשפירש ממנו עָסַק בפרשת עגלה ערופה. הכוונה בזה, דמהתם ילפינן דהזמנה לגוף הדבר מילתא, ובזה הודיע תכלית ירידתו של יוסף למצרים להזמין להקדושה, היינו שיקנה המקום ההוא בחינת קדושה למען יוכלו יעקב ובניו להיות שמה וכו' ויוכלו ישראל להתקיים עד זמן הגאולה. ובשגם, שהיו שם נפשות ונצוצות הקדושים והיה צריך יוסף לעורר ממקור הטומאה ולהזמין לקדושה וכו', והזמנה לגוף הקדושה מילתא וכו'.

וזה היה כוונת משה שהוטב בעיניו לשלוח מרגלים, למען בלכתם שם יזמינו הארץ ההיא לקדושה טרם בֹּא ישראל וכו'. וזהו שנאמר **שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים, לדעתך**, להזמנה לקדושה, **וְיָתֻרוּ אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן**, כלומר עם היותו נקרא על שם כנען היושב אז בארץ, לא תסבור שאינו מועיל הזמנה דלאו דידן הוא, על זה אמר **אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל**, שהיא מוחזקת בידינו מאבותינו, וּדְבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם (ישעי' מ, ח) כדאיתא במדרש במקומו (במדב"ר טז, ג). אלא דאכתי צריך להזמינו, והזמנה מועלת, כדבעינן עיבוד לשמה.

ולדעתי ענין טבילת כלים הנקחים מעובדי כוכבים דהוא מדאורייתא לכמה פוסקים כדי שיצאו מטומאת העובדי כוכבים לקדושת ישראל, הוא מהאי טעמא להזמינם לקדושה על ידי טהרתן. ואם כך בכלים, כל שכן באדם שצריך שיטהר ויקדש עצמו בטבילה מטומאתו להזמין עצמו לקדושתו יתברך וכו'.

וזה היה דעתו לשלוח מרגלים, להזמינו לקדושה. וזה שפירש"י שלח לך **לדעתך**, לשם הזמנה. ואמנם הם באו אליו ואמרו **נִשְׁלְחָה אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ לָנוּ אֶת הָאָרֶץ**, לא כפי דעתו של משה, על זה אמר ה' **אני אמרתי שהיא טובה** כו', ולכן הוטב בעיני משה לשלוח מרגלים, והבן.

[לט] עיין **בדברי יואל מקץ** (עמוד תד-תה).

KolSatmar.com

היא, [און] יוסף האָט געדאַרפט אָנגרייטן צו די קדושה. [וממילא מזה] האָט ער [יעקב] פאַרשטאַנען [שלא חטא יוסף, כי] מסתמא האָט ער מזמין געווען צו די קדושה.

ווען ער העט חלילה גיווען געזינדיגט באשת פוטיפרע העט דאָך געוועזן פאַרקערט חלילה רחמנא ליצלן, העט דאָך נישט געוועזן קיין שום הזמנה [אל הקדושה, אלא להיפוך ח"ו].

די גמרא זאָגט דאָך נאָר פון "קדושה" [דרק בדבר של "קדושה" אמרינן דהזמנה מילתא היא, ולא במשמשי קדושה], איך לערן נישט אַרויס "משמשין" פון "קדושה"[מא], [וכל שכן דלא ילפינן הכנה לטומאה מהכנה לקדושה (דברי יואל)].

ממילא איבערדעם איז רעכט, פון דאַנעט איז געדרינגען [שלא חטא יוסף], האָט ער [יעקב] פון דעם געזען אַז ער [יוסף] האָט נישט פוגם געווען.

מג

והיוצא מזה כי הליכת יוסף למצרים היתה עבור לעשות "הכנה", כי הזמנה מילתא היא

על כל פנים, יוסף הצדיק וואָס ער איז געגאַנגען קיין מצרים, דעס גאַנצע איז געוועזן ווייל איך זאָג אַז הכנה מילתא היא.

מד

ישוב קושיא ד

בשעה שאמר הקב"ה תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו', שזה היה בימי תשרי, שאז עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין, נזדעזעו שמים וארץ מאימת הדין, כי מי יוכל לעמוד באלה

דעס קען זיין איז דער פשט אין מדרש [שבקושיא ד].

הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא וגו', פון דעם עֵץ פְּרִי איז דאָך געדרינגען אַז בתשרי נברא העולם (כדלעיל אות לג), ממילא האָט מען דאָך געזען מדת הדין, פאַרוואָס, [ווייל] בתשרי עלה במחשבה לברוא במדת הדין, [ולכן] נזדעזעו שמים וארץ, אַז ס'איז מיט "דין", מי יוכל לעמוד בְּאֵלֶּה, [וכתיב] (תהלים עו, ט) אֶרֶץ יָרְאָה, [וממילא] זיי האָבן זיך געפאָרכטן [שמים וארץ], חלילה אַז ס'איז מיטן מדת הדין וויאַזוי וועט מען קענען עומד זיין, אַזוי ווי ס'שטייט דאָך (ברש"י בראשית הנזכר) עלה במחשבה [לברוא] בדין וראה שאין העולם מתקיים [בדין, לפיכך הקדים מדת הרחמים].

איבערדעם אַז מ'האָט געזאָגט תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא, איז געדרינגען [שהיה זה בחודש "תשרי", און תשרי איז דאָך "דין", איז געווען נזדעזעו שמים וארץ.

מה

ישוב קושיא ה

מיד העמיד הקב"ה רגלי יוסף כנגדן, והיינו שרמז להם ענין ביאת יוסף למצרים שהוא לצורך הכנה אל הקדושה, וכן המחשבה של ימי תשרי היא רק הכנה להמעשה של ימי ניסן שאז הקדים מדת הרחמים למדת הדין, ובזה שקטו ונחו שמים וארץ כי ראוי שבהגמר והסוף יהיה קיום העולם במדת החסד והרחמים

האָט דער בורא כל עולמים געוויזן העמיד רגלי יוסף כנגדן, אַז ס'ברויך גיין אַלעס מיט אַ "הכנה", איבערדעם דעס וואָס ער האָט געזאָגט תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא אין

---

[מ] ברש"י (ויגש מה, כז): סימן מסר להם במה היה עוסק כשפירש ממנו, בפרשת "עגלה ערופה", זהו שנאמר וירא את "העגלות" אשר שלח "יוסף", ולא נאמר אשר שלח פרעה.

[מא] כי בגמרא נחלקו אביי ורבא אי אמרינן בכל התורה הזמנה מילתא היא, ואביי יליף לה מעגלה ערופה, ואמרינן בגמרא רבא מאי טעמא לא גמיר מעגלה ערופה, אמר לך משמשין ממשמשין גמרינן לאפוקי עגלה ערופה דהיא גופה קדושה, וכן קיימא לן להלכה כרבא דהזמנה לאו מילתא, זולת בדבר שהוא גוף הקדושה, כגון תפילין וספר תורה וכדומה, דשם קיימא לן דהזמנה לגוף הקדושה מילתא הוא, וכמובא לעיל (בהערה לח) בדברי הייטב לב בשם הרמ"א (או"ח מב, ג).

"תשרי", דאָס מיינט מען נישט אַז ס'וועט למעשה בלייבן [במדת הדין שבימי תשרי], 'במעשה' וועט עס הערשט זיין אין "ניסן" וואָס ס'איז "חסד", [ובחינת המחשבה שהיתה בתשרי] דאָס איז נאָר אַז ס'זאָל זיין אַ "הכנה", און אַז הכנה מילתא היא האָט ער זיי געוויזן את 'רגלי' יוסף, וואָס ער האָט געדאַרפט צו 'גיין' קיין מצרים אויף הזמנה, ממילא האָט ער זיי מיט דעם 'געשטילט'[מב] [לשמים וארץ ממה שיראו ונזדעזעו], ווייל ס'איז אַזוי דער אמת טאַקע אַזוי, אַז ס'איז נישט געבליבן ביי דעם, ביי 'דין', נאָר ס'איז געקומען מיט [בחינת ימין] "ניסן", מיט "רחמים".

## מו
### שילוב כל הדרוש
דהכל מורה על ענין הכנה והזמנה אל הקדושה

היוצא לנו מזה, דאָ פון די פרשה פון "יום כיפור", פון וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם איז אויך געדרינגען הכנה מילתא [באכילת ערב יו"כ לעינוי יום כיפור].

[ועל דרך זה] דאָס איז דער גאַנצער "בריאת העולם" [דמתשרי היה הכנה לניסן].

און די "גאולת מצרים" איז געווען [נאָר] ווייל יוסף הצדיק האָט עס מזמין [ומכין] געווען צו די קדושה.

## מז
### סיום ישוב קושיא ו (אופן ב)
ולכן הקדים אזהרת יום הכיפורים מן חודש ניסן, כי צריך לזה הכנה בכל השנה

איבערדעם איז רעכט [בישוב קושיית הפני יהושע], דאָ איז די פרשה פון "יום כיפור", דאַרף מען האָבן הכנה [ליום הקדוש בכל ימות השנה, כי] הכנה מילתא היא. ס'איז ימי הדין [בתשרי, און] **צו די ימי הדין ברויך מען האָבן הכנה אַ גאַנץ יאָר.**

איבערדעם הייבט זיך אָן די פרשה, האָט מען 'באַלד' געזאָגט די גאַנצע פרשה, אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן, האָט מען באַלד געזאָגט די 'גאַנצע' פרשה פון יום כיפור, איבערדעם טאַקע ווייל הזמנה מילתא היא.

## מח
### ישוב קושיא א - [אופן ב]
באור החיים הקודש מבאר, דבזכות שיקיים וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ,
בזה יוכל לבא אל הקודש ביום הכיפורים. וממילא מובן שפיר השייכות מזה לזה

איבערדעם איז [התחיל הכתוב] וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ [ומסיים בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן].

איבערדעם קען זיין, טאַקע ווי דער **אור החיים הקדוש** זאָגט[מג], אין דעם זכות וואָס ס'וועט זיין [בכל השנה] **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מיט דעם זכות וועט ער קאָנען יום כיפור קומען, טאַקע דאָס אַליין [הוא הזכות], טאַקע דאָס אַליין איז אַן הכנה [לביאתו אל הקודש ביום הכיפורים].

## מט
### הקדמה לישוב קושיא ב
אמנם לכאורה האיך נחשב זה כהכנה, הלא הוא רק שלילת עשיה בשב ואל תעשה

[נאָר] לכאורה ס'איז דאָך נאָר אַ שב ואל תעשה, [ולמה נחשב לזכות והכנה לעבודת היום].

---

[מב] מענין לשון הפסוק אֶרֶץ יָרְאָה 'וְשָׁקָטָה'.

[מג] **באור החיים הק'** (טז, ב): **בְּכָל עֵת.** אבל יש עת שיבא בה, והוא מה שאמר אחר כך **בְּזֹאת יָבֹא** וגו', **אַחַת בַּשָּׁנָה.** – וטעם שהקדים **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת** קודם מצות ביאתו אחת בשנה, לומר אם לא יבא בְּכָל עֵת, אז יזכה לבא בעת ההיא אשר אנכי מצוך, ואם יבא בעת אחר, לא יבא בכל עת אפילו בעת הרשיון.

אבל יען שנאמרה לו הפרשה מתחלת השנה, והשתוקק אהרן בכל השנה לביאתו אל הקודש ביום הכיפורים, ועכ"ז לא נכנס בכל השנה, ע"כ שפיר נחשב זה להכנה וזכות להצלחת ביאתו אל הקודש ביום הכיפורים

**אָבער** [יען שהיה לו] **דאָס השתוקקות, ווייל ער האָט געוואוסט די גאַנצע פרשה** [כבר מר"ח ניסן, און] **'וואָס' מ'טוט אויף מיט דעם, מיט די שְׂעִירִים מיט די גוֹרָלוֹת.** [על כן בזכות] **דעס "השתוקקות"** [שהיה לו בכל השנה לבא אל הקודש ולעשות סדר העבודה], **און מ'האַלט זיך צוריק** [משום אזהרת בל יבוא. זה היה הזכות והכנה לעבודת היום ביום הכיפורים]**.**

**נ**

**ישוב קושיא ב**

ובזה מובן גם ההקדמה של "בזאת" יבא אהרן, דהיינו בזכות שהמתין בכל השנה ושמר עצמו מלבוא אל הקודש

**קען זיין דאָס איז טאַקע דער פשט "בְּזֹאת"** [יָבֹא אַהֲרֹן. שהתחיל] **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, זאָגט ער "בְּזֹאת"** [יָבֹא אַהֲרֹן], **"מיט דעם" וואָס ער וועט איינהאַלטן דעם וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת,** [בזה יבא אהרן אל הקודש בשלום, ויכפר עונות ישראל]**.**

**נא**

וכן מצינו בענין הגאולה העתידה, "דנטרונא" שממתינין על הגאולה ואינם דוחקים את הקץ,
זהו הזכות שבה יזכו אל הגאולה ממלכות הרביעית בבוא עתה וזמנה

**דאָס זעלבע איז ביי די גאולה, ווי איך זאָג דאָס נאָך אייביג וואָס דער מדרש זאָגט**[מד]**, דער שכר פון די גאולה העתידה, באיזה זכות** [יהיה זה, בזכות] **"נַטְרוּנָא", וואָס מען 'זיצט און מען וואַרט' אויף די גאולה העתידה, אַז מ'איז נישט חלילה, מ'איז נישט חלילה "דוחק את הקץ", מ'גייט נישט 'דעם וועג' מ'זאָל זיך אַליין נעמען אַ גאולה פאַר דער צייט,** [נאָר] **מ'וואַרט, מ'וואַרט צום זמן פון הקדוש ברוך הוא.**

**"דאָס" איז דער זכות.**

**קיין אַנדערער זכות געפינט מען נישט דאָרט אין מדרש** [אויף] **וואָס אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן** [ממלכות הרביעית]**, נאָר מיט דעם זכות וואָס מען "וואַרט".**

**נב**

וכן היה בביאת אהרן אל הקודש, דבזכות נטרונא בכל השנה זכה להצליח בביאתו אל הקודש ביום הכיפורים

**די זעלבע זאַך איז דער וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, מיט 'דעם' וואָס ער וועט "נישט קומען" ביז ס'קומט דער זמן וואָס השי"ת הייסט, "בְּזֹאת" יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, מיט דעם "וואַרטן", "נַטְרוּנָא" אַזוי ווי דער מדרש זאָגט, וְהָיָה לָכֶם "לְמִשְׁמֶרֶת".**

---

[מד] בפסיקתא רבתי (פרשה טו), **ובילקוט שמעוני** (בא רמז קצא): מי פורע לכם ממדי, **בֶּעָשׂוֹר** (בא יב, ג), אמר רבי אבין **בא עשור**, שנכרת המן ועשרת בניו, מי פורע לכם מהם, סנקליטין, מרדכי ואסתר, מרדכי מבחוץ ואסתר מבפנים. מי פורע לכם מיון, בני חשמונאי שהיו מקריבין שני תמידין בכל יום. **מי פורע לכם ממלכות רביעית, נטרונא, וְהָיָה לָכֶם "לְמִשְׁמֶרֶת"** (שם, ו), **אַל תֹּאכְלוּ מִמֶּנּוּ "נָא"** (שם, ט), **לא תבעוניה מהבהבה.**

ופירש שם הזית רענן (מהמגן אברהם): **נטרונא**, פירוש שצריכין לשמור ולהמתין, **לא תבעוניה מהבהבה**, פירוש אל תבקשו לאכול אותם בהבהוב, כלומר שאינו צלוי כל צרכו.

**ובויואל משה** בהקדמה סיים רבינו על זה וז"ל: ומבואר בזה שאין לנו עכשיו זכות אחר לצאת מן הגלות, אלא אותו הזכות לשמור ולהמתין, שלא לאכול ח"ו ושלא להנות מגאולה כזאת הבאה קודם הזמן. ואם כן כל אותם הלוקחים חבל בהם ובממשלתם ואוכלים עמהם מהתועבה הנעשית נגד האזהרה של אל תאכלו ממנו נא, הן המה המעכבים את הגאולה.

וכן בפנים הספר (א, מג) סיים רבינו על זה וז"ל: ומבואר בזה שבגלות הזה שהוא מלכות רביעית אין מי שיפרע מהם להביא הגאולה אלא זכות "הנטרונא" לשמור ולהמתין, ולקיים אל תאכלו ממנו "נא", שרצה לומר קודם שמגיע העת. ובעונותינו הרבים עכשיו שקרבו ימי גאולתינו נתפסו רבים בזה לעבור על אותה האזהרה שלא תאכלו ממנו נא ולוקחים חבל באכילה המרה הלזו והאריכו את הגלות בעוה"ר, אוי לנו כי חטאנו.

KolSatmar.com

**מיט דעם וואָס ס'וועט זיין וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, איז "בְּזֹאת" יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ.**

### נג
### ישוב קושיא ו (אופן ג)

ובזה מיושב עוד למה הקדימו לצוות על יום הכיפורים מתחלת השנה, כדי שידע מענין גודל מעלת ביאתו אל הקודש, ועכ"ז ימנע עצמו מזה בכל השנה, וזה יהיה זכות ביאתו אל הקודש ביום הכיפורים

**מיט דעם איז טאַקע אויך פאַרענטפערט טאַקע די פריערדיגע קשיא** [של הפני יהושע], **וואָס מ'האָט געדאַרפט 'שוין' צו זאָגן די פרשה פון יום כיפור.**

[ווייל] **מ'האָט דאָס געדאַרפט צו וויסן** [גודל התיקונים הנעשים בביאתו לקודש לכפרת עונות ישראל], **ווייל מ'דאַרף דאָך וויסן פון "וואָס" מ'האַלט זיך צוריק** [בכל השנה, כי] **לפום צערא אגרא** (אבות ה, כב), **ווייל "דאָס" איז דער כח מיט וואָס ער וועט קאָנען קומען יום כיפור, פון דעם וואָס ס'איז** [בכל השנה] **וְאַל יָבֹא "בְכָל עֵת" אֶל הַקֹּדֶשׁ,** [ולכן] **האָט ער דאָס אַלעס געברויכט צו וויסן 'פריער',** [כי] **לפום צערא אגרא,** [דלפי הצער בכל השנה שלא לבוא, כן הוא הזכות והשכר ביום הכיפורים. ואם אין ראיה מכאן על הזמן דשואלין ודורשין לפני שאר מועדים וזמנים].

### נד

**איבערדעם** [אמר הכתוב] **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, און טאַקע 'דעס' איז די "הכנה" צום "הייליגן טאָג", אַז מ'ווייסט וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ.** [און] **נאָר מיט "תשובה ומעשים טובים" דאַרף מען דאָך האָבן "הכנה", זיך מכין זיין,** [ולזה מסיים הכתוב בסוף הענין] **זאָגט ער וְעִנִּיתֶם,** [שמלשון זה נלמד ענין הכנה לדבר שנחשב כהדבר עצמו, ועל כן גם האכילה בערב יו"כ נקרא בשם "עינוי"], **אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט** [בביאור] **די אַלע מדרשים.**

### נה

ושייכות אמירת פרשה זו לר"ח ניסן, כי אז ביום הקמת המשכן היה חביב לפני הקב"ה כיום שנבראו בו שמים וארץ, וגם בריאת העולם היתה בדרך הכנה מן השמנים מימי תשרי לימי ניסן, ועד"ז נצטוו ישראל כבר בימי ניסן לעשות הכנה לימי תשרי, ועי"ז מתהפכין הדינים של ימי תשרי לרחמים וחסדים שהם בחינת ימי ניסן

[וזמן אמירת פרשה זו ביום שהוקם המשכן] **דאָס האָט אַ שייכות מיט "בריאת העולם"** [שמשם רואין גם כן חשיבות "הכנה" לדבר, שהמחשבה שבימי תשרי היו הכנה להמעשה שבימי ניסן].

[ווייל] **ס'שטייט דאָך**[מה] **חביב** [אותו היום של הקמת המשכן, כיום שנבראו בו שמים וארץ], **דער טאָג איז דאָך געווען** [חביב] **כיום בריאת העולם, דאָס איז דאָך "דער טאָג" געווען** [של ראש חודש ניסן שהוקם בו המשכן].

**טאַקע דער טאָג, כאָטשיג ס'איז געווען מיתת נדב ואביהוא, שטייט דאָך אַז דער טאָג איז געווען חשוב כיום** [שנבראו בו שמים וארץ], **ס'שטייט "וַיְהִי בַּיּוֹם"** [הַשְּׁמִינִי, וכתיב וַיְהִי] **בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן**[מו] (נשא ז, א), [אותו היום] **חביב לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ.**

---

[מה] בגמרא מגילה (י:): **תניא, אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ,** כתיב הכא (שמיני ט, א) **וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי,** וכתיב התם (בראשית א, ה) **וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד.**

[מו] עיין במדבר רבה (יב, ו. יב, יא-יב) **ותנחומא** (פקודי סימן ב. נשא סימן טז וסימן יט).

נו

[און פון] יום שנבראו בו שמים וארץ איז געדרינגען [ענין "הכנה"] ווי כ'האָב פריער געזאָגט [דמפסוק] תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא איז געדרינגען אַז הזמנה מילתא היא, מ'האָט אָנגעגרייט אין די ימי דין, און ס'האָט זיך במעשה אויסגעלאָזט מיט רחמים וחסדים.

אַזוי איז דאָס אויכעט [ענין יום הכיפורים האמור בפרשה זו ביום שהוקם המשכן].

אַז דער בורא כל עולמים העלפט און מ'איז זוכה צו **תשובה ומעשים טובים** [בכל השנה], **מ'האָט זיך אַ גאַנץ יאָר אינזין אין "די הייליגע טעג", דערנאָך גייען דורך "די הייליגע טעג" אויך מיט "רחמים וחסדים".**

**אפילו דעס אַליין** [מדת הדין שבתשרי] **ווערט נתהפך לרחמים וחסדים, און דער בורא כל עולמים איז זיך מרחם על עמו ישראל.**

נז

## סיום התורה וברכת הקודש

דאָס איז געווען [אמירת פרשה זו], דאָס איז דאָך געווען "דער טאָג", ביום השמיני למילואים.

[והקמת המשכן] דאָס איז געווען דאָס ערשטע בכלל, די הקמת "המשכן" איז געווען אַ "הכנה" אויף די אַלע בנינים, דער בנין בית המקדש, און אויף לעתיד[מז].

[אויף] ביז לעתיד, ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן מ'וועל מיר במהרה זוכה זיין צו די גאולה שלימה ואמיתית, דעם בנין בית שלישי, וואָס ס'וועט זיין אַ בנין לעד ולנצח נצחים.

נח

מ'זאָל מיר במהרה זוכה זיין צו די ישועה אמיתית.

און ביז דערווייל, זאָל דער בורא כל עולמים העלפן, מ'זאָל מיר זוכה זיין **נִתְקָרֵב ווערן צו הקדוש ברוך הוא, מיט תשובה און מעשים טובים.**

מ'זאָל זיין **דבוק זיין אין דרך האמת.**

מ'זאָל מיר זוכה זיין במהרה צו זען אין ישועת כל ישראל ושמחתן, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

---

[מז] וכמבואר באורך בישמח משה פרשת תצוה (עה"פ כתית למאור).

KolSatmar.com